STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 03441

DI GEHEYME YUDEN

N. M. Shaykevitsh

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

דיא

געהיימע יודען

א ראמאן פון דער יודישער געשיכטע אין שפאניען.

פון

נ. מ. שייקעוויטש, (שמ"ר).

פרייז, 15 סענט.

דרוק אונד פערלאג פון

דיא היברו פאבלישינג קאמפאני,

87־85־83 קאנאל סט., ניו יארק.

HEBREW PUBLISHING CO.,

83-85-87 Canal Street, NEW YORK.

דיא געהיימע יודען.

ראמאן פון דער יודישער געשיכטע אין שפאניען.

פון נ. מ. שייקעוויטש (שמ"ר).

א.

גרויס פון קליין.

דיא גאסען פון דער שטאדט מאדריד, זיינען געווען פרעכטיג אילמינירט.

איבער יעדען הויז האט געפלאטערט דיא שפאנישע פאהן (פלאג). פיעלע פולקען שפאנישע סאלדאטען אין פערשיעדענע מיליטער־אוניפארמען (מיליטערישע קליידער), האבען פארבייא מארשירט דעם פאלאסט פון דעם מיניסטער דע לערמא, און אלס זייא האבען איהם דערזעהן שטעהענדיג אויף זיין באלקאן, האבען זייא געשריען: עס לעבע דער קעניג! עס לעבע דער הערצאג פאן לערמא!

מיט א גליקליכען שמייכעל, האט דער מיניסטער פון זיין הויכען באלקאן ארונטער געקוקט אויף דער צערעמאניע און האט פריינדליך געהויבען זיין הוט, דאנקענד פאר דער עהרע וואס מען טהיילט איהם צו.

דיא אלע אילומינאציעס און דיא אלע צערעמאניען, זיינען געמאכט געווארען פיר זיין עהרע. דען ער האט זיך אין יענעם טאג אומגעוועהרט פון דער שלאכט (מלחמה) געגען דיא האלענדער און האט א גרויסען זיעג ערוואונגען.

אויף דעם בעפעהל פון דעם יונגען קעניג פהיליפ דער דריטער, האט מען דעם גרויסען העלד, פאר דעם זיעג (נצחון) קעניגליכע עהרע צוגעטהיילט, און אלע איינוואהנער פון מאדריד, האבען דעם טאג פון זיין צוריקקומען, וויא דעם גרעסטען יום־טוב געפייערט.

ווער ואלט דאס געגלויבט מיט צעהן יאהר צוריק, דאס דאנעל דע לערמא, וועט אזא עהרע ערלעבען און אזא שטופע ערגייכען.

מיט צעהן יאָהר צוריק, אלס ער וואר א לייטענאנט אין א רעגימענט, האט מען פון איהם דיא שליפעס און אלע עהרענ־צייכענס ארונטער געריסען און פון רעגימענט ארויס געטריבען, דערפאר וואס ער האט ערשאָסען זיינעם א קאמעראד צוליעב א שעהן מיידעל.

עס האט ווייט ניט געפעהלט, מען זאל איהם יצום טויט פעראורטהיילען, אָדער אויף אנ'אינזעל פערשיקען, פאר דיעזען מאָרד. אָבער זיינע געטרייע פרוי אמעליע, האט דורך איהרע תחנונים און טרערען, גערירט דאס הערץ פון דעם קעניג פהיליפ דעם צווייטען, און דער מאָנארך האט איהם פון דיא איבעריגע שטראפען גערעטעט.

ער איז געבליעבען מיט זיין ווייב און מיט זיין צעהנ־יעהריגען זאָהן, אין גרעסטען נויטה, און ווען זיין שוויגערפאטער, וועלכער וואר א פארמער, וואלט איהם מיט זיין פרוי און קינד ניט צוגענומען צו זיך אין הארם, וואָלטען זייא אללע פיעלייכט אויס הונגער געשטאָרבען.

דער געוועזענער אָפיציער האט געמוזט ווערען אנ'איינפאכער ערד־ארבייטער, און האט געהאָלפען זיין שוויגער־פאטער אין אלע לאנד־ארבייט.

זאָ זיינען איבערגעלאָפען פינף יאָהר.

דאנעל דע לערמא, האט שוין געהאט אויפגעגעבען אללע האָפנונגען אויף א גלענצענדען צוקונפט. אָבער דער צופאל האט געבראכט דאס גליק אונערוואַרטעט גלייך צו איהם אין פעלד.

זיין שוויגער־פאטערס פארם, האט זיך געפונען איינינע מיילען ווייט פון מאדריד. דיעזע פארם איז געלעגען צווישען געדיכטע גרויסע וועלדער און אהין, עס הייסט אין דיעזע וועלדער, פלעגען דיא שפאנישע אריסטאָקראטען אין דיא הייסע זומער־טעג, ארויספאָהרען אויף דער יאגד.

אין איינעם פון דיא הייסע יולי טעג פונ'ם יאָהר 1597, איז דער פרינץ פהיליפ דער דריטער, מיט פיעלע אָפיציערע אין דיא וועלדער ארויסגעפאָהרען אויף דער יאגד.

אין דיעזע וועלדער האבען זיך געפונען שרעקליכע הויכע בערג, וואס האבען זייערע קעפ אריינגעשטעקט אין דיא וואָלקענס. אויף דיא בערג איז אין דיא הייסעסטע טעג געלעגען שנעע.

אין דיעזע בערג זיינען געווען לעבער, וואס האבען געדיענט אלס וואָהנונג פאר בערען, און דארום פלעגען דיא יעגער אימער געהען צו דיא בערג, אום

אויסצוגעפינען דיא וואָהנונגען פון דיא בערען, און זייא מיט זייערע קינדער פאַנגען לעבענדיג אָדער שיסען.

אויך דער פּרינץ מיט זיינע בעגלייטער, זיינען צו איינעם פון דיזע בערג צו־געקומען.

וויא געוועהנליך, בייא א יאגד פּארטיע, קענען דיא יעגער ניט זיין צחאמען. יעדער איינער זוכט צו בעווייזען זיין קונסט אין שיסען. יעדער איינער וויל בעווייזען מעהר העלדענטהאטען אלס דיא איבעריגע, און דארום ווערען זייא צווייעט און צו־שפּרייט יאָגענדיג זיך נאָך זייערע יאגד־הינד, וועלכע דערשמעקען וואו דיא וואלד־טהיערע ליגען פערשטעקט.

אויב דער פּרינץ, וועלכער וואר דאַן בלויז נייגצעהן יאָהר אַלט, האט זיך פון דיא איבעריגע יעגער אָבגעטהיילט. דען ער האט דערזעהען א שרעקליך גרויסען וואָלף און האט זיך נאָך איהם נאכגעיאָגט.

אונגליקליכער ווייזע, איז זיין פערד אריינגעקראָכען אין א טיעפע געדיכטע בלאָטע, אין וועלכער ער האט פערזונקען ביז איבער דיא פיס, און האט פאר קיין פאל פון דאָרט געקענט ארויס קריכען.

דער פּרינץ האט זיך געוואָלט רעטען און איז פון זיין פערד אראָפּ גע־שפּרונגען. אָבער אויך ער איז אין דערזעלבער בלאָטע אריינגעשפּרונגען, און וואס מעהר ער האט זיך בעמיהעט פון דאָרט ארויסצוקריכען, האט ער געזונקען אלס טיעפער און טיעפער.

זיין גרויסער הונד האט דערזעהענדיג דיא לאגע פון זיין הערן, האט אָנגע־פאנגען שטארק צו בילען, ארום לויפענדיג ארום דער בלאָטע.

דיא קלוגע חיה האט מעהר שכל געהאט פון איהר בעל־הבית. זיא האט וויא עס שיינט געוואוסט, אז מען טאָר אין דער בלאָטע ניט קריכען, און איז דער־פאר נאָר ארום איהר ארומגעלאָפען, קוויטשענדיג און בילענדיג מיט א שרעקליכע שטימע.

דאס בילען פון דעם הונד, האט נאָך זיך געצויגען דיא אויפמערקזאמקייט פון דאנעל דע לערמא, וועלכער האט ניט וויט פון דיזען פלאטץ געארבייט אין פעלד.

ער איז נאכגעגאנגען דעם בילען און איז געקומען צו דעם פלאטץ, וואו דער פּרינץ איז געשטאנען אין א האָפנונגסלאָזע לאגע.

מיט דעם ערשטען בליק האט דאנעל פערשטאנען דיא געפאהר, וואס

דראָהעט דעם יונגען מאַן. ער איז שנעל געלאָפען צוריק און איז באַלד צוריק גע־קומען מיט א לאַנגע שטריק, וועלכע ער האט א וואָרף געטאָהן צום פּרינץ.

— בינד ארום דיא שטריק ארום דיינע אקסלען — האט ער געשריען. איך וועל דיך ארויסשלעפּען פון דער בלאָטע.

דער פּרינץ האט אַזוי געטאָהן, און דאַנעל האט איהם פון דעם נאַסען קבר ארויס געשלעפּט.

ער האט אויך געוואָלט דאס פּערד רעטען, אָבער דאס וואר אונמעגליך. יענע בלאָטע האט אין דעם גאַנצען געגענד געהייסען „דעם טייפעלס ווארנונג", ווייל זיא האט אין זיך געהאט א מערקווירדיגע איינגעזאַפּט. ווען יעמאַנד האט אין איהר אונגליקליכער ווייזע אריינגעטראָטען, האט וויא א געהיימע קראַפט איהם לאַנגזאַם געשלעפּט טיעפער און טיעפער, ביז ער איז אין גאַנצען אין איהר איינגע־זונקען געוואָרען.

דעם זעלבען שיקזאַל האט אויך געהאט דעם פּרינץ פּערד, אום איהם ארויסצושלעפּען, האט מען בעדאַרפט פיעלע מענשען און פיעלע מיטעל, און דאס וואר אונמעגליך אין א קורצער צייט צו ברענגען, און ער איז אין דער בלאָטע בע־גראָבען געוואָרען.

דאַנעל האט ניט געוואוסט ועמען ער האט גערעטעט.

דער פּרינץ וואר זעהר שוואַך פון אויפרעגונג און פון דער מיהע וואס ער האט זיך געגעבען פון דער בלאָטע זיך ארויסצורייסען. דארום האט איהם דער קרעפטיגער דאַנעל גענומען אויף זיינע שולטערן, האט איהם אוועקגעטראָגען א היים, און דאָרט האט מען איהם אויסגעטאָהן און אריינגעלייגט אין א ווייכע בעט.

דאַנעל, זיין ווייב עמיליע און זיין פופצעהן־יעהריגער זאָהן יאָזע, האבען אַלע קרעפטע אָנגעווענדעט דעם יונגען מאַן צו ערפרישען, און זייא האט דאס גע־לונגען.

ער האט שוין אין זייער הויז איבערגענעכטיגט.

ער האט זייא ניט געזאָגט ווער ער איז. ער האט נור ערצעהלט, אַז ער איז א זאָהן פון א רייכען מאַן אין מאַדריד.

אויף מאָרגען, האט ער געבעטען דאַנעלן, ער זאָל איהם אוועק פיהרען אין שטאָדט.

דאַנעל האט איינגעשפּאַנט א פּערד אין אַן'איינפאַכען וואָגען, און האט דעם יונגען מאַן מיט זיין זאָהן יאָזע אָבגעשיקט אין שטאָדט.

קומענדיג צו מאדריד, איז דער פרינץ ארויסגעשפרונגען פון וואגען, האט געהייסען יאזען צוריק פאהרען. דאבייא האט ער בייא זיך פערשריבען דעם נאמען פון יענעם פארם און דיא נעמען פון דיא אלע מענשען, וואס האבען איהם זא ערעל בעהאנדעלט.

דרייא טעג זיינען איבערגעלאפען, זייט דער פרינץ האט דאנעל׳ס פארם פערלאזען.

דאנעל און זיין גאנצע פאמיליע, האבען שוין דיא גאנצע געשיכטע פערגעסען, ווייל זאלכע געשיכטען האבען זיך שוין פיעלע מאל אין יענעם געגענד געטראפען.

אויף דעם פירטען טאג, איז צוגעפאהרען צו דער פארם א פרעכטיגער עקיפאזש, אנ׳אפיציער איז פון איהם ארויסגעשפרונגען און איז אריינגעגאנגען אין שטוב.

ער האט געטראפען דיא גאנצע פאמיליע ביים טיש, עסענדיג פריהשטיק.

— וואהנט דא דאנעל דע לערמא? — האט ער העפליך געפרעגט.

— יא, דאס בין איך, האט דאנעל געענטפערט.

— דער גנעדינער קעניג האט מיך געשיקט, איך זאל דיך מיט דיין ווייב און דיין זוהן, ברענגען צו איהם.

אלע זיינען בלאס און ערציטערט געווארען.

יעדען פון זייא איז אין קאפ איינגעפאלען דער געדאנק, אז דער קעניג וויל בעשטראפען דאנעל׳ן פאר אלטע זינדע.

אויף דאנעל׳ס פראגע, ווענען וואס דער קעניג האט נאך איהם און נאך זיין פאמיליע געשיקט, האט דער אפיציער ניט געוואוסט וואס צו ענטפערן.

עס העלפט ניט.

ווען דער קעניג רופט, מוז מען געהען.

מיט צובראכענע הערצער, געהמענדיג אבשיעד פון דעם אלטען מארטין, (עמיליעס פאטער) וועלכער האט ביטער געוויינט, זעהענדיג וויא מען נעהמט זיינע קינדער פון איהם צו, זיינען זייא מיט דעם אפיציער אוועק געפאהרען.

קומענדיג אין קעניגליכען פאלאסט, האט זייא דער אפיציער איבערגעלאזט אין קארידאר, און איז געגאנגען מעלדען דעם מאנארך, אז דער פארמער דאנעל דע לערמא מיט זיין פאמיליע, זיינען דא.

דער קעניג האט געהייסען זייא אריינפיהרען אין דעם צימער, וואו ער איז געזעסען.

מען האט זייא באלד אהין אריינגעפיהרט.

— ביזט דוא דאנקעל דע לערמא ? — האט דער קעניג זעהר גוטמיטהיג געפרעגט.

— יא, מייסטעט — האט דאנעל ציטערענד בייא אללע גליעדער גע־ענטפערט.

— און דיא זיינען, דיינע פרוי און דיין זאהן ?

— יא, מייסטעט.

דער קעניג האט זיך פערקוקט אויף דער פרוי.

— זיא קומט מיר זעהר קענטליך פאר — האט ער געזאגט.

— יא, קעניגליכע מייסטעט — האט עמיליע געענטפערט — איך האב שוין איינמאל דיא עהרע געהאט פאר דיינע גנאדען צו ערשיינען, ווען מען האט גע־וואלט מיט פינף יאהר צוריק, מיין ליעבען מאן צום טויט פעראורטהיילען און דיינע קעניגליכע גיטע האבען מיין ברויטגעבער דאס לעבען געשענקט.

— איך האב מיך ערוינערט — האט דער קעניג געזאגט, און זיך ווענדענד צו דאנעלן, האט ער געפרעגט : האסט דוא אמאל ניט געדיענט אין דעם קייזער מאקסימיליאן רעגימענט ?

— יא, מייסטעט.

— איך געדענק, איך געדענק אלעס.... האט דער מאנארך געזאגט — מיך פרעהט זעהר, וואס איך האב דיך דאמאלס פון טויט געראטעוועט, דוא האסט מיר דאפיר זעהר גוט בעצאהלט. דוא ביזט געוועזן דער ראטענדער ענגעל פון מיין זאהן.

דאנעל און זיין ווייב און זאהן, האבען דעם קעניג'ס ווארטען ניט פער־שטאנען.

און אלס אנטווארט אויף זייער שטומע פראגע, האט זיך דיא טהיר געעפענט און דער פרינץ איז אריינגעקומען.

זייא האב איהם אלע גלייך ערקענט.

— וויא פרעהט עס מיך מיינע רעטער היער צו זעהען — האט דער פרינץ אויסגערופען — ניע וועל איך פערגעסען, דאס דוא, עדלער דאנעל, האסט מיך פון א שרעקליכען טויט געראטעט, און דיא עדלע בעהאנדלונג פון דיין פרוי אונד זאהן.

— עס גיעבט קיינע בעלאהנונג, וואס זאל גענוג זיין פאר אייער אלכעטענס

האנדלונג — האט דער קעניג אליין געזאגט — איך פערלאנג פון דיר, דע לערמא, דוא זאלסט זאגען, וואמיט איך קען דיך בעלאהנען.

— איך פערלאנג ניט מעהר, מען זאל מיר צוריק מיין טיטעל לייטנאנט געבען און איך זאל קענען ווייטער דיענען אין מיליטער, אום איך זאל אין שטאנדע זיין מיין קעניג און מיין פאטערלאנד צו דיענען.

— דעם טיטעל לייטענאנט פערלאנגסט דוא? — האט דער קעניג שפאטיש געענטפערט — דאס איז קיין קעניגליכען לאהן. איך גיעב דיר דעם טיטעל פאלקאווניק, איך ערנענע דיך צו מיין אדיוטאנט, און פון דער קעניגליכער קאססע זאל מען דיר זאפארט געבען פופציג טויזענד פיאסטער.

דאנעל, זיינע פרוי און זאהן, זיינען געשטאנען אויף דיא קניע פאר דעם מאנארך און דאנקבארע טרערען האבען זיך פון זייערע אויגען געגאסען.

פון דאמאלס אן, האט דאנעל דע לערמא געשטיעגען פון שטופע צו שטופע. זיינע פרוי אבער, איז אונגליקליכער וויזע, אין א יאהר ארום געשטארבען. אויך דער אלטער קעניג פהיליפ דער צווייטער, איז אין א יאהר ארום געשטארבען, און זיין זאהן פהיליפ דער דריטער, האט זיין טראהן בעשטיעגען.

דעל נייער קעניג האט זיין אמאליגען רעטער, דאנעל דע לערמא, געשענקט דעם טיטעל הערצאג און האט איהם ערנאנט צום שעף פון דער גאנצער שפאנישער ארמייא.

דער קלוגער דע לערמא, האט גוט ערקענט דעם קאראקטער פון דעם נייעם קעניג. ער האט געוואוסט, אז ער האט צו פערגעניגען מעהר לוסט, וויא צו טראגען אויף זיך דיא לאסט פון דער רעגיערונג. דארום האט ער פאר דעם קעניג אללע ערדענקליכע פערגעניגען אויסגעזוכט, און האט אזוי וויים געבראכט, דאס דער יונגער קעניג האט אין זיינע הענד איבערגעגעבען דיא גאנצע הערשאפט.

ער האט נור אויף זיך געטראגען דעם נאמען קעניג, אבער דערווירקליכער הערשער איז געוועזען דער הערצאג פאן לערמא. וואס ער האט געוואלט האט ער געטאהן, און קיינער האט געוואגט נעגען זיינע בעפעהלע צו פראטעסטירען.

וויסענדיג, דאס דיא גייסטליכקייט האט דעם גרעסטען איינפלוס אויף דעם שפאנישען פאלק, האט ער אלע גייסטליכע פאר פריינדע געקויפט.

וויא עס איז אלעמען בעקאנט, וואר דיא שפאנישע גייסטליכקייט א בלוט־גיערינע חיה. הונדערטער יאהר האט דיא שפאנישע קירכע זיך געבאדען אין מענשענ־בלוט. הונדערטער יאהר האבען דיא שפאנישע גייסטליכע געברענט

און געמאַרטערט אונשולדיגע מענשען מיט דעם אויסרייד, אַז זייא זיינען ניט זאָ פרום וויא מען בעדאַרף.

דיא שפּאַנישע אינקוויזיציאָן, האט קיין בעסער פערגעניגען געפונען, וויא שמעקען דעם ריח פון געבראָטענע מענשען־פלייש. טויזענדער מענשען זיינען עפענטליך פערברענט געוואָרען, אויף דעם בעפעהל פון דער הייליגער אינקוויזיציאָן.

הייליגע אינקוויזיציאָן!

דאס איז ריכטיג, וויא מען זאָל זאָגען הייליגע מערדער, געטטליכע מענשען־פרעסער. עס וועט געוויס קומען א צייט, ווען דיא מענשען וועלען דאס זיך ניט קענען ערקלערען. זייא וועלען פאר קיין פאל קענען פערשטעהען, וויא זאָ האבען מיליאָנען מענשען געקענט זיין זאָ דום, און בעטראַכטען מאסען־מערדער אַלס „הייליגע.“

לײדער אָבער, איז דאס אזא פאקט, וואס מען קען ניט אָבלייקנען אין דער וועלט־געשיכטע, בעזאָנדערס אין דער שפּאַנישער געשיכטע, וועט דער בלוטיגער פאקט אימער דיענען אלס עווינער פלעק אין דער גאַנצער מענשהייט.

דער הערצאָג פאָן לערמא, האט דיעזע מאסען־מערדער ערלויבט צו טרינקען מענשען־בלוט, וויפיעל זייא ווילען. ער האט זייא קיינמאל אין זייער בלוטיגער ארבייט ניט געשטערט, פערקעהרט, ער פלעגט זייא נאָך העלפען זייערע מאָרד־פלענער אויסצופיהרען.

אינ'ם יאָהר 1602, האט דער הערצאָג פאָן לערמא, א גרויסען זיעג עררונגען איבער דיא האָלענדער, דאמיט וואס ער האט זייער טאפּפערן גענעראַל סאמביטא מיט טויזענד האָלענדער געפאַנגען גענומען און דארום האט מען אין מאדריד איהם צו עהרע אזא גרויסען יום־טוב געמאַכט.

ב.

רעטונג אין דער צייט:

דער נאמען הערצאָג פאָן לערמא, האט געוואָרפען א שרעק אויף אַללע שפּאַניער, ווייל זייא האבען געוואוסט, אַז אין זיינע הענד ליגט זייער לעבען און טויט.

בעזאָנדערס האבען פאר איהם געציטערט דיא מאראַנען פון שפּאַניען.

דיא מאראנען, דאס זיינען געווען די נעהיימע יודען, וואס האבען אין דער עפענטליכקייט געשפיעלט דיא ראָלע פון פרומע קריסטען, און אינם געהיים, האבען זייא אָבגעהיט אלע יודישע דינים, ווייל זייא ווארען פרומע, עהרליכ יודען.

דער הערצאָג פאָן לערמא, האט דיעזע מאראנען פערפאָלגט מיט דער גרעסטער קראפט און ענערגיע, אום דאדורך צו קויפען דיא ליעבע פון דיא נייסט־ליכע. קוים האט מען פאר איהם געבראכט א קלאגע אויף יעמאנדען, אז ער איז א געהיימער יוד, האט דער הערצאָג איהם גלייך איבערגעגעבען צו דיא אינקוויזיטאָרען אין דיא הענד, זייא זאָלען מיט איהם טאָהן וואס זייא ווילען.

גאנץ אנדערש איז געווען זיין זאָהן יאָזע.

דער יונגער מאן, וועלכער וואר איינער פון דיא פעהינסטע אָפיציערע אין דער קעניגליכער גארדע, האט געהאט איבעראל א נאמען אלס „גוטער ענגעל."

מען האט פון איהם ערצעהלט פיעלע געשיכטען, וואס האבען געציינט, אז ער איז דער קאָנטראסט פון זיין פאטער אין אלע הינזיכטען. ער האט געטאָהן זעהר פיעל גוטעס מיט ארמע געדריקטע מענשען און האט אונצעהליגע צום טויט פער־אורטהיילטע מענשען גערעטעט דורך דעם וואס ער האט אלס זייער פערטהיידיגער ארויסגעטראָטען פאר זיין פאטער.

דער פאטער האט איהם זעהר געליעבט, און טראָטץ זיין הארטהערציגקייט, האט ער דאָך געמוזט ווייך ווערען דורך זיין זאָהנס ביטען.

אין יענעם טאָג, ווען אין מאדריד האט דער גרויסער יום־טוב שטאטגעפונדען לכבוד זיין פאטער, האט דער יונגער יאָזע פאָן לערמא, בעטראָטען דיא שטעלע אלס שעף דער פאָליציייא, אום דיא אָרדנונג אין שטאָדט אויפרעכט צו האלטען.

אין בעגלייטונג פון צעהן בעוואפענטע זשאנדארען, איז ער אליין ארומגע־פאָהרען אין אלע גאסען.

דיא וואס האבען איהם געקענט, האבען איהם בעגעגענט מיט אוררא גע־שרייען און האבען אויסגערופען: „עס לעבע דער הערצאָג יאָזע פאָן לערמא!"

אלס ער איז דורכגעפאָהרען דיא שטראסע קאלא דע טילידא, האט ער גע־זעהען וויא א הויז שטעהט אין פלאמען. א גרויסע מאסע מענשען שטעהען פאר דיעזען תויז, און גיבען ארויס ווילדע געשרייען, קוקענדיג אויף א פענסטער

פון דר־מען שטאָק, ווי א מעדכען מיט אַן אַלטע שוואכע פרוי זיינען געשטאַנען און האָבן גערופן אום הילפֿע.

אבער קיינער פון גרויסען גאראד, האט זיך געריהרט זיי צו העלפֿען, ווייל ווי געזאגט, דאס גאנצע הויז וואר ווי איינגעטונקט אין פלאמען, אויך אללע טהירען האבען געברענט, און עס וואר אונמעגליך דורך איינע פון זיי אריינצער־געהען.

יאַזע פֿאַן לערמאַ איז שטעהן געבליעבען.

ער האט בעפֿאָהלען זיינע בעגלייטער זיי זאָללען איהם נאכפֿאָלגען.

ער איז דער ערשטער פון זיין פערד ארונטערגעשפרונגען און אלע זשאַנדאַרען האבען אויך אזוי געטהאן.

ער איז אריינגעלאָפען אין דעם הויז, וואס איז געשטאַנען נעבען דעם ברע־נענדען, ביידע הייזער ווארען אבגעטהיילט פון אייאנדער דורך איין גראָבע וואנד.

ער האט בעפֿאָהלען מען זאָל ברענגען העק, און אין פערלויף פון געצעהלטע מינוטען האט מען דורכגעהאקט א גרויסע לאָך אין דער וואנד. דורך דיזער לאָך איז דער חערצאָג מיט די זשאַנדאַרען אריינגעקומען אין דעם ברענענדען הויז, גראדע אין דער מינוט, ווען די פלאמען האבען ערדרייכט דאס צימער, וואו ביידע פרויען זיינען געשטאַנען און מען האט זיי ביידען דורך דערזעלבער לאָך געבראכט אין זיכערהייט.

די אַלטע שוואכע פרוי איז איבערוועלטיגט געוואָרען פון דעם רויך, און איז ווי טויט געווען, ווען מען האָט זי אין אַן אַנדער הויז געבראַכט.

דאס מעדכען אבער, וואר ריכטיג און אונפערלעצט. זי וואר נור בעקימערט וועגען דער אַלטער און האט וויינענד געשריען: „רעטעט, אָ, רעטעט מיינע גראָס־מוטער!

יאַזע האָט געהייסען ברענגען א דאָקטאָר.

עס האט לאַנג ניט געדויערט, איז א דאָקטאָר געקומען. ער האט פער־שיעדענע מיטעל אנגעווענדעט דער אַלטער אויפצומינטערן, און איהם האָט דאס נאָך שווערער מיהע געלונגען.

אַלס די אַלטע האט די אויגען געעפֿענט, וואר איהר ערשטער אויסרוף: „דיאַנאַ! וואו איז דיאַנאַ?“

— איך בין דאָ, מוטער! — האט דאס מעדכען געענטפערט צולויפענדיג צו דער אַלטער און בעדעקענד איהרע פערקנייטשטע וואנגען מיט הייסע קישע.

— געליבט איז גאָט, וואס האט זיין ענגעל געשיקט אונז פון פייער־טוים צו רעטען — האט דאס מעדכען געזאָגט — זעה, מוטער, דאָ שטעהט דער גוטער ענגעל, בעדאנקע איהם און גיב איהם דיין הערצליכען זעגען.

זיא האט אָנגעצייגט אויף דעם גוטען הערצאָג, וועלכער איז געשטאנען מיט א פערגעניגטע מינע, אויף דער העכסטער שטופע צופריעדען, וואס איהם האט געלונגען די צוויא מענשען פון א געוויסען טויט צו רעטען.

די אלטע האט אויף איהם א קוק געטאָהן, און אויסשפרייטענדיג איהרע הענד, האט זיא מיט א שוואכער שטימע געזאָגט: „ערלויב דאָך מיר, יונגער מאַן, דיין האנד צו דריקען, די האנד, וואס האט מיין דיאנאַ'ן ארויסגעריסען פון דעם מלאך־המות הענד."

יאָזע האט איהר זיין האנד גערייכט און האט מיט א צערטליכע מינע גע־זאָגט: „איך האב דיין דאנק ניט פערדיענט, אלטע, איך האב געטאָהן דאס וואס יעדער אנשטענדיגער מענש וואָלט געטאָהן בייא אזא פאַל."

— זאָג דאס ניט, גוטער ענגעל — האט דאס מעדכען זיך אָנגערופען — טויזענדער מענשען האבען געזעהען ווי די פלאַמען האבען אונז געוואָלט פער־צעהרען און קיינער פון זייא האט זיך געריהרט, אונז פון זייערע מעדטליכע צונגען צו רעטען. דוא מיט דיינע טאפפערע בעגלייטער, האבען אונז פון א זיכערן טויט גערעטעט, און דארום וועלען מיר אייך אימער דאנק־שולדיג בלייבען.

— גענוג צו שפּרעכען פון דאנקען, זאָגט מיר בעסער, ווער זייט איהר — האט יאָזע ערוויעדערט.

— מיין גראָספאטער איז דער זיידענהענדלער מיזא דע פעררירא. ער איז גראָדע יעצט אין קארדאווא. עס פרעהט מיך זעהר, וואס ער האט די שרעקליכע סצענע ניט בייגעוואָהנט. דוא קענסט זיך גאר ניט פאָרשטעלען, עדלער מאַן, ווי דאנקבאר ער וועט דיר זיין, אלס ער וועט ערפאָהרען, דאס דוא האסט אונז פון דעם טויט ענטריסען. אויסער אונז ביידען, האט ער קיינעם אין דיעזער גרויסער וועלט.

— און וואו זיינען דיינע עלטערן, שעהנעס מעדכען? — האט יאָזע גע־פרעגט.

— מיינע עלטערן זיינען שוין לאנג אין הימעל — האט דאס מעדכען זיפצענד געענטפערט — מיט צעהן יאָהר צוריק זיינען זייא ביידע אין איין וואָכע געשטאָרבען און האבען מיך איבערגעלאָזט אויף די הענד פון מיינע גוטע גראָסעלטערן, וועלכע האבען מיך מיט דער גרעסטער צערטליכקייט ערצאָגען.

יאזע'ס אויגען האבען זיך וויא צונעקלעפּט צו דיזם טערבענס געזיכט און ער האט זייא פון איהר ניט געקענט אָפּרייסען.

— אזא ערשיינונג האט ער נאך ניט געזעהען.

איהם האט זיך אויסגעוויזען, אז ער זעהט פאר זיך א מענשען פון אַנ'אַנדער בעסערער וועלט.

איהר שעהנהייט, דיא זאנפטהייט וואס איז אויף איהר געלעגען, דער רייץ (חן), מיט וועלכען זיא ווער וויא איינגעוויקעלט, האט איהם וויא בע־צויבערט.

ווען זיא האט מיט איהרע בלויע גרויסע אויגען אויף איהם א קוק געטאָהן, האט איהם אויסגעזעהען, אז ער זעהט דיא פענסטער פון דעם בלויען הימעל. איהר שטימע האט מיט אזא קראפט איינגעדרונגען אין זיין ברוסט, דאס ער האט געמיינט, אז ער הערט דיא שטימע פון א וועזען, וואס איז אוננאטירליך. יעדער קלאנג פון איהרע ווערטען, האט וויא א זיסע מוזיק אין זיינע אויערן גע־קלונגען.

— גליקליך בין איך, וואס מיך האט נאָט אויסערוועהלט דיין רעטער צו זיין — האט ער געזאגט, אייער אלעמענס דאנק פערלאנג איך ניט, דען איך בין זיך אליין דאנקבאר, דערפאר וואס איך האב פון טייפעל'ס הענד אזא פערזאָן וויא דוא ביזט ענטריסען. אָבער זאָג מיר, ליעבעס קינד, וואו וועסט דוא מיט דיין גראָסמוטער יעטצט וואָהנען. אייער הויז איז דאך זאָן אַש פערוואנדעלט גע־וואָרען.

— אָ, דאפיר זאָלסט דוא ניט זאָרגען, גוטער מענש — האט דיאנא גע־ענטפערט — מיר האבען א הויז אין דער שטראסע קאלא דע אטאקא. דאָרט וועלען מיר יעצט וואָהנען.

— וואס פיר איין נומער האט אייער הויז?

— נומער 60.

— זאָל איך הייסען מיינע לייטע אייך אהין ברענגען?

— דאס איז ניט נעטהיג, עדלער מאַן, מיר וועלען שוין זעלבסט אהין טרעפען.

— איך וועל אייך אין איינינע טעג ארום בעזוכען, אום זיך צו ער־קונדיגען וועגען אייער גראָססמוטערס לאגע, דערוויל אדיע — האט יאָזע געזאגט.

— געה געזונד, גאָט'ס זעגען זאָל דיך בעגלייטען אויף שריט און טריט — האט דיא אַלטע געזאָגט.

— דאס זעלבע ווינש איך דיר אויך פון טיעפסטען הערצען — האט דיאנא זיך אָנגערופען.

יאָזע האט נאך אמאל אויף איהר א בליק געוואָרפען, און האט א ווינק געטאָהן צו דיא זשאנדארען, זייא זאָלען מיט איהם געהן.

באלד זיינען אַלע אויף דיא פערד געזעסען און האבען גאלאָפּירט איבער דיא מאדרידער גאסען.

— דיאנא! — האט דיא אַלטע געזאגט, אלס יאָזע מיט זיינע לייטע זיינען פאָרטגעגאנגען — ווארום האסט דוא דעם יונגען מאן ניט געפרעגט וויא ער הייסט, אום מיר זאָלען קענען זיין נאמען אין אונזערע געבעטע (תפלות) דערמאָנען.

— דאס וואר ווירקליך א גרויסער פעהלער פון מיר — האט דאס מעדכען געענטפערט — אָבער ער האט דאך פערשפּראָכען אונז צו בעזוכען. אויב ער וועט האלטען וואָרט און ער וועט אונז מיט א בעזוך בעעהרען, וועל איך דאן, נאך זיין נאמען פרעגען.

ג.

דיא געהיימע יודען.

מיזא דע פעררייראַ, וואר איינער פון דיא גרעסטע זיידען־הענדלער אין מאדריד.

אין דער צייט ווען אונזער געשיכטע האנדעלט זיך, וואר ער שוין א מאן פון 65 יאָהר. אָבער זיין ענערגיע און זיין לוסט צום האנדעל, וואר וויא פון א יונגען מאן.

ער פלעגט אליין ארומפאָהרען אויף אלע יארידען און אויף אַלע אויסלענדישע יאהרמערקע, און האט זאָ געשיקט געהאנדעלט, דאס ער האט אימער פערדיענט און האט זיך א גרויס פערמעגען ערוואָרבען.

ער האט זיך אויך געקויפט דיא אכטונג פון אַלע זיינע בעקאנטע, דורך דיא פיעלע וואָהלטהאטען וואס ער האט געטאָהן. דער אונגליקליכער וואס האט זיך צו מיזא דע פעררייראַ געווענדעט אום הילפע, האט זיכער געוואוסט, אז דער גוטער מיזא, וועט זיך ניט ענטזאגען איהם צו העלפען.

און ווי גרויס זיין גליק וואר אין האנדעל, זא גרויס וואר זיין אומגליק אין זיין פאמיליען־לעבען.

צוויי קינדער האט איהם זיינע פרוי אניטא געבוירען און ביידע זיינען פער־אונגליקט געווארען.

דער ערשטער, א קנאבע פון צוויי יאהר, איז מיט 40 יאהר צוריק פער־שוואונדען געווארען צוזאמען מיט זיין אמע, און פון ביידען איז קיין שפור גע־בליעבען. דער צווייטער איז מיט צעהן יאהר צוריק געשטארבען, אויס גרויסע שמערצען פון זיין ווייב׳ס טויט.

די איינציגע טרייסט פאר די שווער געפלאגטע אלטע, איז יעצט געווען זייער ענייקעל דיאנא.

עס האט אויסגעזעהען, ווי גאט האט זיי געוואלט פערגיטען פאר די גרויסע ליידען, וואס ער האט זיי פערשאפט, און האט אלע זיינע טהייערסטע פרעזענטע אריינגעגעבען אין דער דיאנא.

אזא געראטען קינד, מיט אלע מעלות, האט מען בעדארפט זוכען צווישען מיליאנען.

דער וואס האט דיאנא׳ן דערזעהען, האט געמוזט צוגעבען, אז אזא זעלטענ־הייט, האט ער נאך ניט געזעהען.

עס איז דארום קיין וואונדער, וואס מיזא און זיינע פרוי אניטא, האבען דאס מעדכען געליעבט, מעהר ווי אלעס אין דער וועלט.

זי איז צו יענער צייט אכטצעהן יאהר אלט געווען און אלע שעהנסטע יונגע לייט, האבען געזוכט א וועג ווי צו איהר צוקומען. אלע אויפערהייטהע קאוואליערע האבען זיך געבראכען די קעפ, ווי זיי צו געווינען.

אבער, מערקווירדיגער ווייזע, האט זי מיט קיינעם פון זיי געוואלט רעדען, אויך איהרע גראס־עלטערן האבען פאר די פיעלע חתנים פערצאמט אלע וועגען, ווי זאלען צו זייער דיאנא ניט קענען צוטרעטען.

עס האבען זיך צו איהר געשדכנ׳ט זאלכע יונגע לייט, וואס האבען זיי ווירק־ליך געקענט גליקליך מאכען. יונגע לייט פון גרעסטען אדעל, זעהר רייכע מיט גרויסע נעמען, אבער זייער מיהע וואר אומזאנסט.

— מיזא דע פעררייר, מוז וועלען אויסזוכען פאר זיין דיאנא׳ן א חתן פון הימעל — פלעגען די בעגאכבארטע פרויען צווישען זיך רעדען.

און עס האט ווירקליך אויסגעזעהען, אז קיין חתן וועט זיי געפעלע יעט בלייבען א מויד, ביז אין גראען צאפ.

ווען בעהיטע גאָט, מען זאָל געווען ערפאהרען דיא אורזאכע, פון דעם וואס זייא איז קיין חתן געפעלען, וואָלט מיט דער גאנצער פאמיליע זעהר ביטער געווען.

דיא אורזאכע וואר, וואס זייא זיינען געווען געהיימע יודען, און דיא אללע חתנים ווארען קריסטען.

יא, מיזא דע פעררייראָ, וואר איינער פון יענע מאראנען, וואס האבען אינס געהיים געדיענט צום יודישען גאָט. אויך זיינע פרוי אניטא, וואר א הייסע פרומע יודין, און דיא הייסע ליעבע צו דער יודישער רעליגיאָן, האבען זייא אויך איינגע־פלאַנצט אין דיאנא׳ס ברוסט.

אין מאדריד וואר דאן א גאנצע יודישע געמיינדע. פאסט אלע ווארען זעהר רייך און האבען גרויסע ראָלען געשפיעלט. יעדער פון זייא, האט זיך אין דער עפענטליכקייט געצייגט אלס פרומער קריסט, און יעדען שבת פלעגען זייא זיך צו־זאמענקלייבען אין זייערע געהיימע שולען און האבען דאָרט געדאַוונט דעם יודישען דאוונען.

דיעזע שוהלען ווארען קונסטפאָל איינגעאָרדנעט אין זאָלכע קעלערס, וועלכע האבען געהאט געהיימע טהירען, וואס האבען געפיהרט צו אונטעראירדישע היילען, דורך וועלכע מען האט געקענט אנטלויפען אין א נויטספאל.

איינמאל אין יאָהר אום יום־כפור, האבען זיך אללע געהיימע יודען צוזאמענ־געקליעבען אין איין שוהל און דאָרט האבען זייא געשוואָרען, זייא זאָלען זיין געטרייא איינער דעם אנדערן, קיינער זאָל ארויסגעבען דיא געהיימנים פון דיא איבעריגע, און ווען איינער וועט עובר זיין דיא שבועה און וועט יא זיינעם א רעליגיאָנס־ברודער פערראטהען, זאָלען אללע איבעריגע פון דעם פעררעטהער ראכע נעהמען.

יעדער געהיימער יוד האט געטראָגען א צייכען, אום זיינע רעליגיאָנס־ברידער זאָלען איהם ערקענען און זאָלען וויסען, אז ער איז א יוד.

דער צייכען אוז בעשטאַנען אין א קנעפעלע, וואס וואר איינגענעהט אין זיין הוט.

דיא פרויען, האבען זאָלכע צייכענס געטראָגען אויף זייערע ברוסט־טיכער.

אָבער צו טראָגען דיעזע צייכענס וואר נים א נעוואלטזאך, יעדער איינער האט געהאט דאס רעכט דיא צייכענס נים צו טראָגען, אָבער אין שוהל, האבען דיעזע צייכענס אונבעדינגט נים געטאָרט פעהלען.

דיא געהיימע יודען האבען פערנומען פלעטצער אין אלע רעגיערונגס עמטער. וויא אויך אין דיא קירכענ־שטעלען. זייער צאהל וואר גרויס צווישען דיא פאליציי־א בעאמטע, צווישען אפיציערע, סאלדאטען און גייסטליכע.

יעדער פון דיא שפאנישע גייסטליכע, האט געהאט דאס רעכט אריינצו־קומען אין יעדען הויז און פרעדיגען דארט מאראל, אדער שטעלען צום פערהער דיא מענשען פונ'ם הויז, אויסצופארשען פון זייא, אויב זייא זיינען ריכטיג פרומע קריסטען. קיינער האט נעדארפט וואגען אזא גייסטליכען א שלעכטווארט צו זאגען. ווער עס האט אזא גייסטליכען בעליידיגט, דער איז הארט בעשטראפט געווארען.

דיא וועלט זאגט א ווערטעל „אויף דעם גנב ברענט דאס היטעל", דאס הייסט, דער וואס פיהלט זיך שולדיג אין א פערברעכען, דעם וויזט אויס, אז פון זיין היטעל קען מען ערקענען, אז ער איז א פערברעכער.

דיא געהיימע יודען, וועלכע האבען געציטערט פאר יעדען שאטען פון פער־דאכט, האבען דיא גייסטליכע, וואס פלעגען אין זייערע הייזער אריינקומען, פריינד־ליכער און רעספעקטאלער בעהאנדעלט, אלס אלע אנדערע, אום דיא שלויע גלחים זאלען ניט דערשמעקען וואס מיט זייא טהוט זיך.

עס איז בעוואוסט, דאס קאטוילישע גלחים טארען ניט הייראטען און גראדע דערפאר וואס זייא איז פערבאטען ווייבער צו האבען, זיינען זייא פון שטענדיג אן געווען דיא גרעסטע הולטאיעס און האבען דיא עהרליכסטע פרויען פון גראדען וועג אראפגעפיהרט און אין אונגליק געשטירצט.

זייא האבען געהאט אנ'איינפאך מיטעל, וויא שעהנע פרויען און מעדכענס, אין זייערע נעטצען צו פערשלעפען.

זייא פלעגען איינרעדען עלטערען פון שעהנע מעדכענס, זייא זאלען זייערע טעכטער נאך א מאנאסטיר אוועקשיקען, זייא זאלען זיין נאנען, און ווען דיא עלטערען פלעגען זיך לאזען איבעררעדען, און האבען זייערע טעכטער אין א מאנ־נאסטיר איבערגעגעבען, האבען שוין דיא פריסטער מיט דיא מעדכענס געטאהן וואס זייא האבען געוואלט ... דען דיא פריסטער זיינען מיט דיא אבטעסינס (דיא אויפזעהערינס פון דיא מאנאסטירען) געווען איינס.

ווען א פערהייראטהעטע פרוי איז א גייסטליכען געפעלען געווארען, פלעגט יז אויף איהר א בלבול, אז זיא איז ניט פרום, דערפאר פלעגט מען זיא נעפענגניס, וואס איז בעשטימט געווארען נור פאר אזעלכע

פרויען, און קוים איז זיא נעווען אין געפענגניס, האט מען שוין מיט איהר געמאכט וואס מען האט געוואלט.....

אין דער לעצטער צייט, האט איין פריסטער מיט דעם נאמען, פאטער פירא דע קראן, זעהר בעאונרוהיגט דעם אלטען מיזא דע פעררייראַ מיט זיין פרוי. דען דער פריסטער האט זעהר אָפט אנגעהויבען אין זייער הויז אריינצוקומען און פרע־דיגענד דאָרט זיין מאָראל, האט ער געגעבען צו מערקען די אלטע לייט, אז דיא פרוי איז נור בעשאפען געוואָרען צו זיין דיא כלה פון יעזוס קריסטוס, און איהר צוועק אויף דער וועלט, איז צו לעבען אין א מאָנאסטיר אלס נאָנע, און דארום מוז יעדער קלוגער פאטער און יעדע פערנינפטיגע מוטער, זייערע טעכטער נור אין מאָנאסטיר שיקען.

מיזא מיט זיין פרוי, האבען גוט פערשטאנען וואס דער הייליגער פאטער גיט זייא אָנצוהערען, זייא זאָלען זייער דיאנא'ן אויך אין מאָנאסטיר שיקען. זייא האבען זיך אָבער געמאכט וויא זייא פערשטעהען ניט זיין ציעל.

אָבער אויף פירא דע קראן, האט זיך ניט וויסענדיג געמאכט, און האט פאסט יעדע וואָכע, א בעזוך אָבגעשטאטעט אין מיזא'ס וואָהנונג און האט זיך גערעדט דאס זייניגע, אז יעדעס אנשטענדיגעס פרומעס מעדכען, מוז דער זינדיגער וועלט אדיע זאגען און דארף זיך בעזעטצען און א מאָנאסטיר אלס נאָנע.

דאס אלטע פאאר, מיזא און אניטא, זיינען פון דעם זעהר אונרוהיג גע־וואָרען. דאס הערץ האט זייא געזאָגט, אז דער פריסטער וויל זייער דיאנא'ן פון זייא אָברייסען.

אָבער זייא האבען זייער טהיר ניט געקענט פאר איהם פערשפארען. געגען זייער ווילען האבען זייא איהם יעדעס מאל, ווען ער פלעגט צו זייא קומען, פריינד־ליך עמפפאנגען, און האבען געמוזט זיין מאָראל און זיינע דרשות אויס־הערען.

זייא האבען זיך בעשלאָסען דיאנא'ן וואס גיכער צו פערהייראטען, אום דער אבשייליכער פריסטער זאָל אויפהערען צו טראכטען וועגען איהר. ליידער אָבער האבען זייא זאָ שנעל ניט געקענט אויסגעפינען פאר איהר א חתן, וואס האט דיא ווערטה זיא פאר א ברויט צו האבען.

אין קארדאווא האט געוואָהנט אניטא'ס א ברודער, זעהר א פיינער אנגע־זעהענער מאן, ער האט געהאט א זאָהן, וואס האט זיך א שעהנעם נאמען ער־וואָרבען, זיין נאמען וואר מארדוי.

עס איז דארום בעשלאָסען געוואָרען ביי דיאנא׳ס גראָס־עלטערן, דאס ער (מיזא) זאָל פאָהרען נאך קארדאווא, און זאָל זעהען, אויב דער יונגער מארדוי איז ווירקליך אזא פיינער מאן וויא מען זאָגט, און אויב ער וועט מיזא׳ן געפעלען, זאָל ער איהם ברענגען אהער, ער זאָל זיך זעהען מיט דיאנא׳ן, און אויב זייא ביידע וועלען זיך געגענזייטיג געפעלען, זאָלען זייא ווערען מאן און ווייב.

אויף מאָרגען, נאך מיזא׳ס אוועק פאָהרען, האט אויסגעבראָכען א פייער אין יין הויז, און עס האט זיך אָבגעשפּיעלט דיא סצענע, וואס מיר האבען געזעהען אין ערשטען קאפּיטעל.

ד.

דער פערליעבטער היילינגער.

מען ערצעהלט פון אנ׳אלטען גריכישען פהילאָזאָף, וועלכער איז ארומגע־גאנגען איבער דיא גאסען פון דער שטאָדט אטהען, און האט מיט א יאָמערענדע שטימע געשריען: „בעוויינט אלע קלוגע דיא גאנצע מענשהייט, דען ניין און ניינציג פּראָצענט מענשען זיינען משוגעים.

דיא וואס האבען דיא ווערטער געהערט, האבען איינשטימיג געזאָגט, אז דער פהילאָזאָף איז פעררירקט.

אין דער ווירקליכקייט אָבער, האט ער זעהר רעכט געהאט. מען האט איהם ניט פערשטאנען. ווען מיר עפענען דיא וועלט־געשיכטע און לעזען וויא דיא מענשען האבען געלעבט, וויא זייא האבען זיך אויפגעפיהרט אין פערשיעדענע פעריאָדען, מוזען מיר מודה זיין, אז עס זיינען געוועזען צייטען, וואס ניין און ניינציג פּראָצענט פון דיא מענשען, זיינען געוועזען אמת׳ע משוגעים.

נעהמט אן דיא פעריאָדע, אין וועלכע אונזער געשיכטע האנדעלט זיך און זעהט וואס דאמאלס איז געוועזען.

מיליאָנען מענשען האבען זיך געלאָזט פיהרען וויא דיא איינפאכע פערד פון א בינטעל באנדיטען, וואס האבען געהייסען גלחים. מיליאָנען מענשען האבען בעד־טראכט דיא לייטע, וואס גלויבען ניט אין קריסטוס, אלס דיא גרעסטע פערברעכער, וואס האבען דעם טויט פערדיענט, און ווען מען האט אזעלכע פערבי־עכער פער־ברענט, האבען אלע זיך געפרעהט, וויא זייא זאָלען זעהען דיא שטראפע פון דיא גרעסטע מערדער.

איז דאס ניט א ריכטיגער בעווייז, אז יענע מיליאָנען מ
משוגעים ?

הערט נאך א גרעסערן וואונדער.

דיא קאטהאָלישע קירכע האט פערפאָלגט דיא יודען וויא ווילדע חיות, דער־פאר וואס זייא היטען תורת משה און גלויבען אין יודישען גאָט. דיא קאטהאָלישע פריסטער, האבען איבעראל געפרעדיגט, אז דיא יודען זיינען דיא געפעהרליכסטע קעטצער (אונגלויביגע), און עס איז קיין גרעסערע מצוה ניטאָ, וויא זייא צו פער־ניכטען.

און דיא זעלבע גלחים האבען אין יענער צייט פלייסיג געלערענט תורת משה. זייא האבען געמאכט אויף דער תורה פרושים און האבען אויסגעגעבען גרויסע סומען געלד דיא תורה צו דרוקען *) און אין אלע זייערע דרשות האבען זייא גע־בראכט פסוקים פון דער תורה און פון דיא נביאים.

אלזאָ, ערקלערט חכמים דיא רעטעניש.

אלע פרומע קריסטען האבען געגלויבט אין משה'ס תורה און קיינער פון זייא האט ניט פראָטעסטירט, דערפאר וואס מען ברענט דיא מענשען, וואס דיא תורה רעדט נור פון זייא, און רופט זייא אָן גאָט'ס בעסטע קינדער.

זיינען דיעזע אלע קריסטען ניט געווען משוגע אויף טויט ?

אום צו געבען א בעגריף דיא לעזער, וויא ווייט פערדאָרבען דיא הייליגע גלחים זיינען געוועו, וועלען מיר יעצט א בעזוך אָבשטאטען דעם גראָס־אינקוויזיטאָר ליאָן פעטרוס.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר, וואר דער קאָפּ פון דיא שפּאנישע גייסטליכע. ער איז פון אלעמען פערגעטערט געוועו. אלע האבען געגלויבט, אז ער אטהעמט קיין לופט, זאָנדערן קדושה (הייליגקייט).

מיר זעהען דעם געטליכען מאן אין זיין צימער, זיטצענדיג אויף א ווייכען שטוהל נעבען א קליין טישעל, אויף וועלכען עס איז געלעגען א נייער טעסטא־מענט. אָבער אונטער דעם טישעל איז געשטאנען א פלאש ווייו, פון וועלכער דער געטליכער מאָן, האט מיט זיינע הייליגע ליפּען אלע ווילע א זופּ געטאָהן, (חאָטש דיא קאטהאָלישע גלחים טאָרען קיין וויין טרינקען).

---

*) אין אלע גרויסע ביבליאָטהעקען, וועט איהר געפינען אונזער תנ"ך מיט דיא פרושים אין עטליכע שפּראכען, וואס דיא גלחים פון יענער צייט האבען גע־לאָזט דרוקען.

א קלאפּ אין דער טהיר, האט איהם ערציטערט, דען גראדע האט ער אין דער מינוט א שטארקען זופּ געטאָהן.

ער האט געשווינד דיא פלאש אריינגערוקט אין א שופלאד פון זיין טישעל, האט מיט זיין טאשענטוך אָבגעווישט דיא ליפּען, און האט זיך וויא פערטיעפט אין דעם בוך.

מען האט נאך אמאל א קלאפּ געטאָהן.

יעצט איז ער אויפגעשטאנען און האט דיא טהיר געעפענט.

ער איז פרעהליכער געוואָרען, אַלס ער האט דערזעהן אונזער בעקאנטען גלח פּירא דע קראן.

— דוא ביזט ענדליך דאָ, פּירא — האט דער אינקוויזיטאָר אויסגערופען — איך ערווארטע דיך שוין זייט א שטונדע.

— מיר וואר אונמעגליך צו קומען צו דער בעשטימטער צייט — האט דער גלח געענטפערט.

— ווארום?

— וויל זיא, צוזאמען מיט איהרע גראָס־עלטערן, זיינען פערשוואונדען געוואָרען.

— וואס הייסט, זייא זיינען פערשוואונדען געוואָרען?

— אין זייער הויז האט אויסגעבראָכען א פייער, דאס גאנצע הויז איז פערברענט געוואָרען.

— זיא אויך? — האט דער גראָסס־אינקוויזיטאָר ערשראָקען אויסגערופען.

— ניין! לויט מען האט מיר ערצעהלט, האט מען זיא מיט איהר גראָס־מוטער געראַטעט. אָבער איך וויים ניט וואו זייא בעפינדען זיך יעצט.

— דוא זאָלסט זייא אויסגעפינען, פּירא, דוא הערסט? דוא זאָלסט זייא אונבעדינגט אויסגעפינען.

— איך וועל אַלע מעגליכקייט אָנווענדען אייער בעפעהל צו ערפילען.

— ווען ביזט דוא בייא זייא געווען צום לעצטען מאל?

— מיט דרייא טעג צוריק.

— נו, האסט דוא שוין עטוואס אויסגעווירקט?....

— פאָרלויפיג נאך גאר ניט. זיא, אויך איהרע עלטערן, דענקען גאר ניט, זיא אין א מאָנאסטיר צו שיקען. אזוי פערשטעה איך.

— אַלזאָ, וועט דיין מיהע זיין אומזאָנסט?

— ניין, אומ׳אָנסט קען מיין מיהע ניט זיין. ווען עס וועט ניט געהען מיט גוטען, וועט דאס מוזען געהען מיט בעזען.

— וואס דענקסטו דען צו טאָהן ?

— דאס וואס איך האב מיט פיעלע אנדערע געטאָהן. איך וועל שוין אויס־געפינען אויף איהר א זינדע, אום זיא אין געפענגניס איינצושפארען.

— דאס וויל איך ניט, פירא — האט דער אינקוויזיטאָר זעהר ערנסט געזאָגט.

— ווארום ווילט איהר דאס ניט ?

— איך וויל ניט, זיא זאָל זיטצען אין געפענגניס. ניט פאר אזא ענגעל, איז דאס געפענגניס בעשאפען געוואָרען. איך וויל זיא זאָל ארייטרעטען אין מאָ־נאסטיר, וואו זיא זאָל קענען לעבען וויא איינע קעניגין, און איך זאָל ניט גע־צוואונגען זיין מיט איהר צו פערברענגען אין א ווינטען צימער....

— אָבער וויא איך האב אייך ערצעהלט, איז אונמעגליך זיא אָדער איהרע עלטערן צו בעוועגען, זיא זאָל מיט דעם גוטען ווילען אין א מאָנאסטיר אריינ־טרעטען.

— אונמעגליכעס גיבט ניט פאר אונז. מען קען זיא מיט געוואלט נאך דעם מאָנאסטיר ברענגען.

— מיט געוואלט און אָהנע אורזאכע ?

— דוא ביזט אין גאנצען אויסגעוועבט געוואָרען, פירא — האט דער גראָס־אינקוויזיטאָר שפאָטיש געזאָגט — איז דען דיר אונמעגליך זיא צו פערנארען אין א צוגעמאכטען עקיפאזש, און זיא נאך דעם מאָנאסטיר צו פיהרען.

— אונמעגליך, אייער הייליגקייט. איהרע עלטערן היטען זיא וויא זייערע אויגען, זייא לאָזען זיא אויף איין מינוט פון זיך ניט אָב.

— דאס איז דומהייט, דאס איז נארישקייט. ווען דוא זאָלסט זיך נור דיא מיהע געבען, קענסט דוא טאָהן וויא איך האב דיר געהייסען.

— אָבער....

— קיין אָבער, אזוי וויל איך און אזוי זאָלסט דוא טאָהן. איך וויל דיך ניט לערנען, וויא אזוי דוא זאָלסט דיזען ציעל עררייכען, דוא ביזט גענוג שלוי, גענוג קלוג, דיר פעהלען קיינע איינפעלע. דוא זאָלסט זיא נאך דעם מאָנאסטיר סט. ווינצענטא ברענגען, דוא הערסט, פירא, צו דער אבטעסין העלענא דע קראנדא, זאָלסט רוא זיא איבערגעבען. טהוסט דוא דאס ניט, וויל איך דיך ניט מעהר

קענען. טהוסט דוא דאס אָבער יא, זאָלסט דוא 500 פּיאסטער פון מיר ערהאַלטען. דוא הערסט, 500 פּיאסטער.

— איך וועל מיך פּרווען — האט פּירא וויא צו זיך אליין געזאָגט.

— טהו, פּריוו וויא דוא ווילסט, נור ברענג זיא אהין, וואוהין איך בעפעהלע דיר. איך מוז זיא בעזיטצען. דוא הערסט, פּירא, איך מוז, און שוין.

— גוט, אייער היילינקייט. צו אללעם ערשטען, מוז איך יעצט אויסגעפינען וואו זיא וואָהנט יעצט.

— דאס איז א קליינינקייט. דיא אדרעסע פון אזא מאַן, וויא מיזא רע פּעררייראַ, קען מען זעהר לייכט אויסגעפינען.

— מיזא איז אָבער צו הויזע ניטאָ.

— וואו איז ער ?

— איך האב ערפאהרען, דאס ער איז נאָך קארדאווא געפאָהרען וועגען געשעפטס־זאכען.

— נו, וועט ער דאָך געוויס הייטע אָדער מאָרגען קומען, און דוא וועסט שוין אויסגעפינען וואו ער וואָהנט.

— גוט, אייער היילינקייט, איך פערשפּרעכע אייך אייער וואונש צו ערפיללען. איך שטעל מיר פאָר, וויא איבעררא‏שט דיאנא וועט ווערען, ווען זיא וועט אייך דערזעהן, אלס גראָס־אינקוויזיטאָר, וועהרענד זיא מיינט, אז איהר זייט א פאָגעל־הענדלער.

— יא, זיא וועט געוויס איהרע אויגען ניט גלויבען. זעהסט דוא, טויגעניכטס, אבוואָהל איהרע עלטערן לאָזען קיין פרעמדען מענשען צו איהר ניט צו, האט מיר דאָך געלונגען אין זייער הויז דרייא מאל צו קומען, דאדורך וואס איך האב מיך אלס פאָגעל־הענדלער פערקליידעט, און האב איהר געבראכט פּרעכטיגע פייגעלעך צו פערקויפען. זיא האט זייא פון מיר געקויפט, זיא האט מיט מיר גערעדט און איהר איז גאר ניט איינגעפאלען, אז זיא רעדט מיט דעם גראָס־אינקוויזיטאָר.

— געוויס זייט איהר קלוג — האט פּירא געענטפערט — ווען איהר זאָלט ניט זיין זאָ קלוג, וואָלט איהר אזא שטופע ניט ערלייכט....

— זייא־זשע דוא אויך קלוג, וועסט דוא אויך א הויכע שטופע ערלייבען — האט דער אינקוויזיטאָר געזאָגט — דיען מיך געטרייא און בעוויז, אז דוא ביזט פעהיג, וועל איך אליין דיך גליקליך מאכען.

— גוט, אייער היילינקייט, איך פערזיכערע אייך, אז איהר וועט פון מיר העכסט צופריעדען זיין. דיא שעהנע דיאנא וועט ניט שפּעטער זייא אין פיער

וואָכען זיין אין דעם מאָנאַסטיר סט. ווינצענטא. האט איהר מיר מעהר גאר ניט צו בעפעהלען?

— ווארט, פירא, מיר איז עטוואס איינגעפאלען. דוא האסט געזאָגט, אז מיזא'ס גאנצע הויז איז פערברענט געוואָרען.

— יא.

— זיינען דאָך דיא פייגעלעך, וואס איך האב פערקויפט דיאנא'ן אויך פער־ברענט געוואָרען.

— איך דענק אזוי.

— נו, מוז מען דאָך איהר אנדערע פייגעלעך פערקויפען און איך קען ווידער אמאל האבען דיא געלעגענהייט מיט איהר צו רעדען. פירא, דוא זאָלסט אויסגע־פינען צווייא קאנאריען פייגעל, אנטיקען. בעצאָהל פאר זייא וויפיעל מען וועט פער־לאנגען און ברענג זייא צו מיר. דוא הערסט.

— איך הער, אייער הייליגקייט, און נאָך הייטע זאָלט איהר זייא האבען. דען געסטערן האב איך אין א פלאַטץ געזעהן צווייא זאָלכע פייגלען, וואס האבען מיך איבערראשט, זייא זיינען וויא געשאפען פון גאָלד און זייער געזאנג איז ער־קוויקענד שעהן.

— בראוואָ פירא! ברענג זייא און דוא זאָלסט ערפאהרען וויא דאנקבאר איך קען זיין.

ח.

א געפעהרליכער קאָנקורענט.

— ער האט פערשפּראָכען אונז נאָך אמאל צו בעזוכען, ווארום האלט ער קיין וואָרט? ווארום קומט ער ניט?

דיא פראגע האט דיא שעהנע דיאנא אונצעהליגע מאל זיך זעלבסט גע־פרעגט, אלס דרייא טעג זיינען איבערגעלאָפען, זייט דאס פייער האט מיזא'ס הויז פערברענט, און יענער העלדישער אָפיציער, וועלכער האט זיא מיט איהר גראָס־מוטער פון טויט גערעטעט, איז אין זייער נייער וואָהנונג 60 קאלא דע אטאקא, ניט געקומען.

זיא האט זעהר געוואָלט איהם נאָך אמאל זעהען, איהם נאָך אמאל דאנקען.

דאס זעלבע האט אויך געוואָלט דער אלטער מיזא די פעררייראַ, וועלכער איז צוריק געקומען פון קארדאווא, און האט ערפאַהרען וואס דאָ האט פאַסירט.

ער איז זעהר דאנקבאר געוועזען יענעם אָפיציער, פון וועלכען זיינע פרוי און דיאנא האבען איהם ערצעהלט. ער האט אויך געוואָלט דעם רעטער זיין דאנק אויסדריקען.

ווענען דעם שידוך, וואס צוליעב דעם איז ער געפאָהרען נאך קארדאווא, איז גאר נישט געוואָרען. דער יונגער מאן, אניטא׳ס נעפע, איז איהם ניט געפעלען געוואָרען.

— אונזער דיאנא איז בעשאפען געוואָרען צו עטוואס העכערעס און גרעסערס אלס צו זיין די פרוי פון דיין נעפע מארדויא — האט ער געזאָגט צו זיין אלטער.

— אָבער, מיזא — האט די אלטע ערוויעדער׳ט — פערגעס ניט אין וואס פאַר א געפאהר אונזער דיאנא בעפינדעט זיך.

— דאָ איז קיין געפאהר פערהאנדען, אניטא — האט מיזא זיא בערוהיגט — קען דען יעמאנד אונז צווינגען, מיר זאָלען אונזער טאָכטער אין א מאָנאסטיר אריינגעבען? דער גייסטליכער האט דאס רעכט אונז זאָ צו ראטהען. אָבער אויך מיר האבען דאס רעכט איהם ניט צו פאָלגען. איבעריגענס, גלויב איך, אז יעצט וועט יענער גכח צו אונז מעהר ניט קומען.

— ווארום דענקסט דוא אזוי?

— ער וויס, אז נאך אזא שאדען וויא מיר האבען געהאט, ליגט אונז ניט אין זינען זיינע מוסר צו הערען. אויסער דעם, וויס ער דאָך ניט וואו מיר וואָהנען יעצט.

— הער נור אויס, מיזא — האט אניטא געזאגט — צוואר ביזט דוא קלוגער און פראקטישער פון מיר, דאָך גלויב איך, דאס דער גייסטליכער, וואס קומט זאָ אָפט צו אונז אריין, האט עטוואס שרעקליכעס אין זינען.

— וואס פאַר שרעקליכעס קען ער דענקען?

— איינס פון די ביידע. ענטוועדער ער האט א פערדאכט אויף אונז, אז מיר זיינען געהיימע יודען, אָדער....

— וואס ווילסט דוא זאָגען?

— מיר שוידערט בייא דעם צווייטען געדאנק. האט מען אונז ניט ערצעהלט

דאס דיא גייסטליכע זיינען שענדליכע ליידענשאפטליכע זינדער. זייא האבען שוין טויזענדער שעהנע מיידלעך, אין גרעסטען אונגליק געשטירצט.

מיזא איז בלאס געוואָרען, און האט זיינע פרוי אָנגעקוקט מיט ציטערענדע בליקען.

— דוא פערשטעהסט, מיזא, וואס איך רייד? — האט דיא אלטע ווייטער געזאָגט.

— איך פערשטעה, איך פערשטעה — האט ער בעז געענטפערט — דאס איז ווירקליך נור א נארישער איינפאל פון א פרוי. ווען עס זאָל אזוי זיין וויא דוא זאָגסט, וואָלט קיין שעהן מיידעל אין גאנצען לאנד, מיט איהר רוהע זיכער געווען. ניין, אניטא, פאר זאָלכע זאכען, דארפען מיר ניט פירכטען.

— נו, און ווענען דאס ערשטע, וואס איך האב געזאָגט? פיעללייכט האט דער גייסטליכער א פערדאכט, דאס מיר זיינען געהיימע יודען.

— זעהסט דוא, דאס זיינען אנדערע ווערטער, דאס איז מעגליך און מיר דארפען זעהר פאָרזיכטיג זיין.

— זיינען מיר דען אלץ איינס ניט גענוג פאָרזיכטיג?

— יא, עס איז אונמעגליך מען זאָל בייא אונז אין הויז עטוואס מערקען, פון דעסטוועגען שאדעט ניט, ווען מען וויים, אז מען דארף פאָרזיכטיגער זיין.

— הער נור, אוים, מיזא — האט דיא אַלטע נאך א קורצעם נאכדענקען געזאָגט: ווארום זאָלען מיר אונזער דיאנא'ן ניט אוועק שיקען אויף א פאאר מאָ־נאטען אין אַן'אנדער שטאָדט.

— ווארום ווילסט דוא דאס טאָהן?

— וויא דיא זאך איז, וואָלט דאס זעהר ראטהזאם געווען. איך גלויב, אז ווען דעם גייסטליכען וועט נאך אמאל איינפאלען אונז צו בעזוכען, און ער וועט זיא מעהר ניט טרעפען אין שטוב, וועט ער אויך מעהר ניט קומען.

— וואוהין ווילסט דוא מיר זאָלען זיא שיקען?

— האבען מיר ווייניג פריינדע אין אנדערע שטעדט? וואוהין מיר וועלען זיא שיקען, וועט מען זיא פאר דעם בעסטען גאסט צונעהמען.

— ניין, אניטא, דאס געפעלט מיר גאר ניט. שטעל זיך פאָר, ווען דער גייסטליכער וועט פרעגען וואו זיא איז.

— וועלען מיר איהם אָנגעבען א פאלשע אדרעסע.

— און וויא וועט זיין, אז ער וועט זיך ערקונדיגען וועגען דער אדרעסע

אונ וועט אויסגעפינען, אז דאס איז א פאלשע, דאן ערשט וועט אויף אונז פאלען א שרעקליכער פערדאכט און מיר זיינען מיט אונזער לעבען ניט זיכער.

— דוא האסט רעכט, מיזא, איך האב דאס גאר ניט בערעכענט.

— זאל זיא פערבלייבען דא — האט דער אלטער מוטהיג געזאגט — מיר בעדארפען פאר קיין זאך פירכטען, עס וועט זיך געוויס אין גיכען פאר איהר מאכען אנ'אנשטענדיגע פארטיע, וועלען מיר זיא פערהייראטהען, און צו אלע זארגען וועט נעהמען אנ'ענדע.

— זאל זיין אזוי — האט דיא אלטע זיפצענד געענטפערט.

מיזא האט געוואלט נאך עטוואס זאגען, אלס דיאנא איז אריינגעלאפען אין דעם צימער זעהר פרעהליך, האלטענדיג אין האנד אנ'עלעגאנט שטייגעלע, אין וועלכען צווייא מערקווירדיג שעהנע פייגעלעך, האבען ארומגעשפרונגען.

— זעה נור, מאמא! — האט זיא מיט א קינדישע מונטערקייט אויסגע־רופען — זעה וואס פאר א פראכט פאגלען מען האט געבראכט.

— ווירקליך זעהר שעהנע פייגעלעך — האט דיא גראס־מוטער פערגעניגט געזאגט — ווער האט זייא געבראכט?

— דערזעלבער פאגעל־הענדלער, וואס האט מיר פערקויפט יענע אונגליקליכע פייגעלעך, וואס זיינען פערברענט געווארען.

— נו, קויף זייא פון איהם אב. וויפיעל וויל ער פאר זייא?

— בלויז איין פיאסטער.

— זעהר ביליג, בעצאהל איהם און זאלען דיעזע פייגעלעך בלייבען אין אונזער הויז.

דיאנא איז צוריק ארויסגעלאפען מיט דיא פייגעלעך.

זיא איז אריינגעקומען אין דעם צימער וואו דער פאגעל־הענדלער איז געזעסען און האט געווארט אויף זיין געלד.

אונזערע לעזער וועלען באלד אין דעם פאגעל־הענדלער ערקענען, דעם גראס־אינקוויזיטאר ליאן פעטרוס.

ער וואר געקליידעט וויא א דארפס־יענער, אין א פראסטען בויערנ־מאנטעל, לאנגע שטיוועל, און ארום זיינע שולטערן, איז געהאנגען א לעדערנער פאס מיט א לאנגען ביקס.

— היער, יענער, האט איהר א פיאסטער — האט דיאנא צו איהם געזאגט — דיא פייגעלעך בלייבען פאר מיר.

זיא האט איהם א פיאסטער געגעבען.

— ברוכט איהר פיעללייכט נאך א פאאר פיינעלעך? — האט דער יענער געפרעגט.

— אויב איהר האט א פאפוגייא, וואס קען איינינע פראזען אויסשפרעכען, וועל איך איהם פון אייך אבקויפען.

— יא, איך האב א פרעכטיגען פאפוגייא.

— רעדט ער עטוואס?

— יא.

— זאָלט איהר איהם ברענגען.

— דיא טעג וועט איהר איהם האבען — האט דער יענער פערזיכערט.

— וויא זאָ האט איהר ערפאהרען, דאס מיר וואָהנען היער? -- האט דיאנא געפרעגט.

— צופעליג, איהר ווייסט דאָך, דאס איך געה ארום מיט מיינע פאָגלען פון הויז צו הויז, איך האב מיטגעבראכט פון דער יאגד הונדערט פערשיעדענע פייגעלעך און האב זייא אלע פערקויפט און מערקווירדיגער ווייזע, האב איך מיט דיא לעצטע צווייא פאָגלען געטראָפען אין אייער הויז. עס פרעהט מיך זעהר, וואס דיעזע אנטיקלעך פאלען אריין אין אייערע הענד.

— ווארום פרעהט עס אייך?

— ווייל איך האב אלע מאל געוואָלט אייך צופריעדען שטעלען. איהר זייט מיינע בעסטע קונדען, קיינמאל דינגט איהר זיך מיט מיר ניט און צאָהלט וויפיעל איך פערלאנג.

— דאס איז דערפאר וואס איהר פערלאנגט זעהר ווענינ.

— איך פערלאנג ניט וועניג, איך פערלאנג נור דעם ווערטה פון מיינע וואארע. אלזאָ, זאָל איך אייך ברענגען דעם פאפוגייא?

— יא.

— איהר בלייבט וואָהנען אין דעם הויז?

— יא.

אין דער מינוט איז אריינגעקומען דער הויז־בעדיענטער און האט געמעלדעט, דאס א יונגער אָפיציער, ווינשט צו שפרעכען מיט פריילין דיאנא.

— א יונגער אָפיציער — האט דיאנא פ־עהליך אויסגערופען — דאס איז געווים אונזער רעטער. געשווינד פיהר איהם אריין אהער.

דער בעדיענטער איז ארויס געלאָפען.

אויך דער יעגער איז אויפגעשטאַנען, און פערזיכערענדיג, אז דיא טעג וועט ער ברענגען דעם פערשפּראָכענעם פּאפּוגייא, איז ער אַרויסגעגאַנגען פון דער צימער.

אין דער טהיר האט ער זיך בעגעגענט מיט יאָזע פּאָן לערמא.

דער יונגער הערצאָג האט דעם יעגער קיין אויפמערקזאמקייט געשענקט און האט בלויז א פליכטיגען בליק אויף איהם געוואָרפען.

דערפאר אָבער האט דער יעגער זיך שטארק אין איהם איינגעקוקט, און ארויס געהענדיג פון מיזא׳ס הויז, האט ער געשטאַמעלט: „יאָזע פּאָן לערמא? וויא קומט ער אהער? זאָל דאס מעגליך זיין, דאס אויך ער האט אפּעטיט צו דער שעהנער דיאנא? אויב יא האב איך פאר זיך א געפעהרליכען קאָנ־קורענט....“

ו.

אַרויסגעיאָגט.

— זייט מיר הערצליך ווילקאָמען, עדלער העיר! — האט דיאנא זעהר פריינדליך אויסגערופען, אלס יאָזע פּאָן לערמא איז אריינגעקומען — איך האב געדענקט, דאס איהר האט אונז שוין פערגעסען.

— ווארום האט איהר זאָ געדענקט, עדלעס פריילין? — האט יאָזע פער־נעניגט געפרעגט.

— ווייל דרייא טעג זיינען פערפלאָסען, זייט איהר האט אונז פערלאָזען און מיר האבען ניט געהאט דאס גליק אייך אין אונזער הויז צו זעהען, וויא איהר האט אונז פערשפּראָכען.

— ווען איך וואָלט געוואוסט, דאס איהר זייט זאָ נייגיעריג מיך אין אייער הויז צו זעהען, וואָלט איך געוויס פריהער געקומען.

— געוויס איז יעדער מענש נייגיעריג צו זעהען דעם מענשען [illegible] האט איהם פון גרעסטען אונגליק געראטעט. אך, וויא וועט זיך מיי[illegible]ער פרעהען אייך צו זעהען, ער בעטראכט זיך אלס גרויסען שולדנער (בע[illegible] חוב) געגען אייך. ער האט אונצעהליגע מאל אויסגעשפּראָכען דעם וואונש, אייך דאנקען צו קענען.

— איז שוין אייער גראָספאטער היער?

— יא.

— אויך איך בין נייגיעריג צו קענען דעם מאַן, וואס נאָט האט איהם בע־גליקט מיט אזא שאטץ, וויא איהר זייט.

דיאנא איז רויט געוואָרען איבער דיא אויערן.

— ווען דיעזע וואָרטען זאָלען ניט קומען פון זאָלכע עהרליכע ליפּען, וויא אייערע זיינען — האט זיא ערוויעדערט — וואָלט איך בעז געוואָרען, פאר אזא אונפערדיענטען קאָמפּלימענט.

— אנ׳אונפערדיענטער קאָמפּלימענט? — האט ער אויסגערופען — אויב איהר מיינט דאס ערנסט, גנעדיגעס פרייליין, איז דאס א בעוויז, דאס איהר ווייסט אייער אייגענעם ווערטה ניט. איך מוז וויעדערהאָלען דאס זעלבע, אז איהר זייט א שאטץ, פון אנ׳אונגעהייער גראָסען ווערטה, און ביז דער לעצטער מינוט פון מיין לעבען, וועל איך זיך זעלבסט דאנקבאר זיין, דאפיר וואס איך האב אזא שאטץ פון פערניכטונג גערעטעט.

— גענוג, גענוג, מיין הערר — האט דיאנא האַלב בעז, האלב שמייכלענד געזאָגט — איך בין ניט געוואָהנט זאָלכע וואָרטען צו הערען. איך קען נאך בעהיטע נאָט בייא זיך דורך זאָלכע קאָמפּלימענטע זא שטאָלץ ווערען, דאס מיר וועט ניט אָנשטעהען זאָגאר מיט אייך צו רעדען....

— איך בין אָבער אזא מענש וואס איך מוז יעדען דיא וואהרהייט זאָגען אין דיא אויגען — האט יאָזע געענטפערט — מיינט ניט, דאס איך זאָג נור גוטעס אין דיא אויגען, אויך דעם שלעכטס שאנע איך ניט, און זאָג איהם זיינע פעהלער אין זיין געזיכט ארויס. אָבער איך וועל אייך געהאָרזאם זיין און וועל מעהר דערפון ניט רעדען. זאָגט מיר, וואס מאַכט אייער גראָס־מוטער, האט זיא זיך שוין פון יענעם שרעק ערהאָלט?

— יא, זיא איז אין אַלגעמיין איינע שוואכע פרוי. עס האט ווייט ניט גע־פעהלט יענער שרעק זאָל זיא טעדטען, אָבער א דאנק נאָט, זיא פיהלט זיך יעצט ניט ערגער, וויא זיא האט זיך געפיהלט, בעפאָר דאס פייער האט אויסגע־בראָכען.

— עס פרעהט מיך זעהר, וואס זיא איז וועניגסטענס ניט ערגער געוואָרען. נו, און אויך אייך, גנעדיגעס פרייליין, האט יענער שרעק ניט שלעכט גע־ווירקט?

— וויא איהר זעהט, בין איך א דאנק נאָט געזונד און מונטער. דער שאדען וואס מיר האבען געהאט, אינטערעסירט מיך וועניג. איך האב נור בעדויערט דעם

טויט פון מיינע צווייא שעהנע פיינעלעך, וואס האבען אין דעם פייער זייער ענדע געפינען. יעצט וועט אויך דיא זארג פערשווינדען, ווייל איך האב אנדערע צווייא פיינעלעך, שעהנערע אלס דיא ערשטע געקויפט. זעהט איהר, דאס זיינען זייא.

זיא האט איהם געציינט אויף דיא צווייא קאנאריקלעך, וואס האבען ארום געטאנצט אין דער שטיינעלע.

— דאס זיינען ווירקליך מערקווירדיג שעהנע פאגעל — האט יאזע אויסגערופען — וואו קויפט איהר זייא?

— א יענער, א פאגעל־הענדלער האט מיר דיא ערשטע פיינעלעך פערקויפט און האט מיר הייטע דיעזע געבראכט. זייא קאסטען בלויז איין פיאסטער.

— איין פיאסטער? מערקווירדיג, איך האב פאר זאלכע צווייא, צעהן פיאסטער בעצאהלט. איך מוז גלויבען, דאס דער יענער האט זייא ניט געפאנגען, זאנדערן געשטאהלען (געגנב'עט).

— וויא? געשטאהלען? — האט דיאנא ערשראקען אויסגערופען — זא דענקט איהר?

— מען מוז זא דענקען, ווייל עס איז אונמעגליך זאלכע צווייא אנטיקען פאר אזא פרייז צו פערקויפען.

— א וועה! עס איז מעגליך, דאס וועהרענד איך פרעה מיך מיט דיעזע צווייא פיינעלעך, פערניסט אנ'אנדער מעדכען ביטערע טרערען אויף דעם, וואס מען האט זייא פון איהר געראובט.

— דאס איז זעהר מעגליך.

— גיט מיר א ראטה, ליעבער פריינד, וואס איך זאל טאהן.

— איך קען אייך אין אזא פאל קיין ראטה געבען, נגעדיגעס פריילייז, פאר־לויפיג בעהאלט זייא היער, אינ'ם פאל, ווען יעמאנד וועט זייא ערקענען און וועט בעהויפטען, דאס מען האט זייא פון איהם געראובט, דאן וועט איהר זייא זייער אייגענטהימער צוריק אבגעבען.

— דער יענער האט מיר פערשפראכען צו ברענגען אין איינע טעג ארום א פאפוגייא. ווען ער וועט קומען, וועל איך איהם צווינגען, ער זאל מיר זאגען דיא וואהרהייט, וואו ער האט דיעזע צווייא קאנאריקלעך גענומען.

— וויא זא וועט איהר איהם צווינגען?

— איך וועל איהם פערהאפטען לאזען, און ער וועט מוזען דיא וואהרהייט איינגעשטעהן.

דיא מהיר האט זיך געעפענט, און מיזא מיט זיין פרוי אניטא, זיינען אריינ־געקומען.

— מוטער, פאטער, זעהט וואס פאר א גאסט מיר האבען! — האט דיאנא אויסגערופען — אונזער רעטער איז דא.

— יא, דאס איז ער — האט אניטא געזאגט. וויא פרעהט עס מיך, אייך אין אונזער נייער וואהנונג צו זעהן, יונגער העלד.

זיא האט איהם דיא האנד געךייכט.

— דיא פריינדליכקייט וואס איהר צייגט מיר, גנעדיגע פרוי, מאכט מיך שטאלץ — האט יאזע ערווידערט, דריקענד איהר האנד.

— ערלויבט דאך, יונגער מאן, איך זאל אייך אומארמען און צו מיין ברוסט צודריקען — האט דער אלטער מיזא געזאגט — קיינמאל וועל איך פערגעסען, דאס איהר האט מיר מיינע ליעבסטע און טהייערסטע פערזאנען צוריק געגעבען.

— מיין גאטט! — האט יאזע אויסגערופען — איך בין שוין מיעד פון זא פיעלע דאנקבארקייט. איהר ווילט מיך אומארמען, אלטער? וואהלאן! מיט פערגעניגען וועל איך מיך צו אייער ברוסט צודריקען, וויא צו דער ברוסט פון א גוטען, צערטליבען פאטער...

זייא האבען זיך ביידע אומגעארמט און הערצליך געקושט.

טרערען האבען זיך געוויעזען אין ביידענס אויגען ביי דיעזער הייסער אומ־ארמונג.

דעם אלטענס ברוסט, וואר אנגעפיללט מיט עכטע דאנקבארקייט צו דעם רעטער פון זיין פרוי און טאכטער, און דעם יונגעם הערץ, וואר געריהרט פון דער ליעבע, וואס דיעזע גוטע לייטע בעוויזען איהם.

— איך וויל וויסען דעם נאמען פון אונזער רעטענדען ענגעל — האט אניטא געזאגט.

יאזע האט איינגע מאמענטע געטראכט און האט געזאגט: „מיין נאמען איז, פערדינאנד דע מעדים."

— דיעזער נאמען וועט אין אונזער פאמיליע אלס דער נאמען פון א הייליגען אימער דערמאנט ווערען — האט מיזא געזאגט — קיינמאל וועלען מיר איהם פערגעסען.

דיא אורזאכע, וואס יאזע האט זיין ריכטיגען נאמען ניט געזאגט, וואר דאס וואס ער האט געוואוסט, אז ווען דיעזע אלע מענשען וועלען ערפאהרען, אז ער

איז דער זאָהן פון דעם גרעסטען מאַן אין לאַנד, וועלען זייא איהם צופיעל רעספעק־טירען און וועלען אין שטאַנד זיין, איהם צו צייגען דיא פריינדשאפט, וואס מען צייגט צו א גלייכען פערזאָן, און איהם האט זיך זעהר געוואָלט, מען זאָל איהם אין דעם הויז, וויא אַנ'אייגענעם הויז־מענשען בעטראַכטען.

זייא האבען איהם געלאַדען צום טיש, ער זאָל צוזאַמען מיט זייא עססען אבענד־בראָדט און ער האט זייער איינלאַדונג מיט פערגעניגען אָנגענומען.

זייא האבען זיך אַלע געזעצט ביים טיש און דער סאפער איז זעהר פערגעניגט דורכגעגאַנגען.

יאָזע וואר זעהר בערעדטזאם. ער האט מיט זיינע וויטצען, דיא אַלע דרייא זעהר גוט אַמוזירט.

אַלס זייא האבען דאס עסען געענדיגט, האט דיער בעדיענטער געמעלדעט, דאס יענער גייסטליכער פּירא דע קראַן, איז געקומען און ער' בעט ערלויבניס אריינ־צוקומען.

יאַלע דרייא זיינען בלאַס געוואָרען.

יאָזע האט דאס בעמערקט, און ער האט געפרעגט דיא אורזאַכע פון זייער אויפרעגונג.

מיזא האט איהם דיא ריינע וואהרהייט ערצעהלט.

— דיעזער גייסטליכער — האט ער געזאָגט צו יאָזען — בעלעסטיגט אונז זעהר מיט זיינע בעזוכע. ער קומט זעהר אָפט צו אונז אריין און פּרעדיגט אונז זיין מאָראַל. ער וויל אונז אַלע אייגרעדען, מיר זאָלען אונזער דיאַנא'ן נאָך א מאָנאַסטיר שיקען. זעלבסטפערשטענדליך, אַז זאָלכע עצות קענען אויף אונז ניט ווירקען, אָבער מיר פירכטען זעהר פאר דיעזען מאַן. ווייסט איהר דען ניט, דאס דיא גייסט־ליכע האבען דאָ דיא גרעסטע קראַפט, און וועה איז דעם מענשען, וואס ערוועקט געגען זיך זייער צאָרן.

— זייט רוהיג, דיעזער גייסטליכער וועט אייך מעהר ניט בעאונרוהיגען — האט יאָזע געזאָגט — זאָל ער אריינקומען.

— בעהיטע גאָט, איהר זאָלט איהם קיין שלעכט וואָרט זאָגען — האט זיך מיזא געבעטען.

— האט קיין פורכט, מיין פריינד — האט יאָזע שמייכלענד ערוויעדערט — איך פערזיכערע אייך, אַז אייך וועט קיין שלעכטעס געשעהען, און דער אונפער־שעהמטער מאַן, וועט פון אייער הויז וויכען, וויא א פערברעכער וויכט דעם גע־פענגניס.

מיזא האט געהייסען דעם גייסטליכען אהער אריינפיהרען.

שטאָלץ איז פּירא דע קראן אריינגעקומען, געקליידעט אין זיינע גייסטליכע קליידער, מיט א בוך אונטערן ארם.

— דיא היילינע מוטער זאָל אייך בענשען — האט ער מיט א פרום פּנים געזאגט אלס ער איז אריינגעקומען.

— דאס זעלבע ווינש איך דיר — האט מיזא געענטפערט.

פּירא האט בעטראכט אלע היער אנוועזענדע, זיינע בליקען זיינען געבליעבען אויף יאָזען.

ער האט דעם יונגען אָפיציער אירגענד וואו געזעהען, ער האט זיך אָבער ניט געקענט ערמאנערן וואו.

יאָזע איז אויפגעשטאנען פון זיין אָרט, איז צוגעגאנגען צו דעם גלח און האט איהם שטרענג געפרעגט, ווען ער בריכט היער אין דיעזען הויז?

פּירא האט פערגלאָצט מיט דיא אויגען און האט געענטפערט: איך קום אין גאָטעס נאמען צייגען דיא בלינדע מענשען דעם גראדען וועג, וואס פיהרט גלייך צום גן־עדן.

— אין דעם וועג זאָלסט דוא אליין געהען — האט יאָזע שארף געזאגט — דיא לייטע פערלאנגען פון דיר ניט אזא גנאדע, ווייל זייא זיינען ניט בלינד און זייא קענען דעם וועג צום גן־עדן אליין טרעפען, און ווען איך וועל דיך דאָ נאך איינמאל טרעפען, וועל איך דיך אָהנע לאנג צו טראכטען, אָבשיקען אין דיין גן־עדן.

— יונגער! — האט פּירא וויטהענד א געשרייא געטאָהן — דוא ווייסט מיט וועמען דוא רעדסט?

— איך ווייס, אז איך רייד מיט א לעסטיגען אונערטרעגליכען סוביעקט — האט יאָזע געענטפערט — ווייסט דוא אָבער מיט וועמען דוא רעדסט?

יעצט האט פּירא, וויא עס האט אויסגעזעהען, דעם מוטה פערלאָרען, ער האט פערשטאנען, אז דער יונגער מאן איז ניט פון דיא איינפאכע אָפיציערלעך, זאָנסט וואָלט ער ניט געוואגט אזא שפּראכע צו בענוטצען. ער האט יאָזען ער־שראָקען אָנגעקוקט און האט געפרעגט: „מיט וועמען האב איך דיא עהרע יעצט צו שפּרעכען?“

— יאָזע האט זיך צוגעבויגען צו זיין אויער און האט זעהר שטיל געזאגט: „מיט יאָזע פאָן לערמא.“

קוים האט פּירא דעם נאמען ערהערט, האט ער זאָגאר פערגעסען א „גוטע

נאכט" צו זאגען, און איז אנטלאָפען געוואָרען, וויא געיאָגט פון שלעכטע גייסטער.

— טעהר וועט ער שוין צו אייך ניט קומען — **האט יאָזע פערזיכערט** דער גאנצער פאמיליע פעררייראַ.

ז.

הייליגע באַנדיטען.

וואס מעהר הינדערניססע דיא מענשען האבען אין דעם וועג צו דעם פונקט וואס זייא געהען, געלוסט זיך זייא אלץ מעהר וואס שנעלער זייער ציעל צו ער־רייכען. דאס וועט איהר בעמערקען בייא דיא וואס שטרעבען צו גוטעס, וויא אויך בייא יענע, וואס שטרעבען צו שלעכטעס.

געפינענדיג אונערוואַרטעט אזא שווערען שטיין וויא יאָזע פאָן לערמא אין זיין וועג, האט דער גראַס־אינקוויזיטאָר, ליאָן פעטרוס, מעהר לוסט בעקומען, דער שעהנער דיאנא, אין זיין נעטץ צו פאנגען.

טרעפענדיג יאָזע'ן אין פעררייראַ'ס הויז, האט ער פערשטאנען, אז ער האט דאָ פאר זיך זעהר א הארטען ביסען.

ער האט גוט געוואוסט, אז דער יונגער יאָזע, קען איהם צערשמעטערן, ווען ער וועט ערפאהרען, אז ער ליעבט זיין געליעבטע, און ער וויל איהר פון זיינע הענד ענטרייסען.

זיין ערשטער געדאנק וואר נאכצופאָרשען, אויב יאָזע ליעבט ווירקליך דיאנא'ן, און ער דענקט זיא צו הייראטען, זאָל ער (פעטרוס) זיך אין גאנצען ענט־זאגען פון דער אבזיכט זיא צו געווינען.

אָבער דיאנא'ס שעהנעס געזיכט, האט יעצט נאך טויזענד מאל שעהנער אין זיינע אויגען אויסגעזעהן.

— איבערלאָזען זיא פאר אַנ'אנדערן? ניין, דאס וועל איך קיינמאל טאָהן — האט ער צו זיך אליין געזאגט.

— אָבוואָהל ער איז שטארקער פון מיר, ער איז דער זאָהן פון דעם שרעק־ליכען דאנעל פאָן לערמא, און ער קען דורך זיין פאטער גאנץ שפאניען אומדרעהן, דערפאר אָבער בין איך קלוגער און פראקטישער פון איהם. שלויהייט (חיטראָסט) קען פיעל מעהר אויפטאָהן, אלס קראפט.

— זיא מוז מיינע זיין, ווען איך זאָל זאָגאר דארפען מיין לעבען אין גרעסטען געפאהר איינשטעלען — האט ער זיך פעסט בעשלאָסען.

און וואס מעהר ער האט געטראַכט פון דיאנא׳ן, האט זיין ליידענשאפט צו איהר זיך אלץ מעהר פערגרעסערט און זיין בעשלוס זיא אין זיין נעטץ צו פאנגען, האט זיך מעהר בעקרעפטיגט.

— צו אלעם ערשטען, וועל איך פאר איהר אויסנעפינען אזא פאפוגייא וויא זיא ווינשט — האט ער זיך געקלערט — לאָמיך נאך אמאל צו איהר אריינגעהען, איך מוז גוט איהר נייע וואָהנונג בעטראַכטען, און נאכהער וועל איך שוין וויסען וואס איך האב צו טאָהן.

ער האט זיך דערמאָנט, אז בייא דעם פריסטער סאם דע פינטא, האט ער זעהר א שעהנעם פאפוגייא געזעהען, וועלכער רעדט גאנצע פראזען.

ער איז גלייך פון מיזא׳ס הויז אוועק געגאנגען אהיים, האט זיך איבערגעקליידעט, און איז געפלויגען צו דער וואָהנונג פון דעם פריסטער, סאם דע פינטא.

סאם דע פינטא, וואר איינער פון דיא געאכטעסטע מאנאכען אין מאדריד, ער וואר שוין אנ׳אלטער מאן און ער וואר זייט צוואנציג יאָהר האף־פרעדיגער.

סאם דע פינטא, האט זיך זעהר פערוואונדערט, אלס זיין בעדיענטער האט איהם געמעלדעט, אז דער גראָס־אינקוויזיטאָר וויל איהם זעהען.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר, פלעגט זעהר זעלטען צו איהם קומען, נור בייא אנ׳אויסעראָרדענטליכען נאָטהווענדיגען פאל.

ער האט גלייך געהייסען אריינבעטען דעם געטטליכען מאן אין זיין קאַבינעט.

— איך בין צו אייך, ליעבער סאם, יעצט געקומען וועגען א קלייניגקייט — האט דער געטטליכער מאן פריינדליך געזאגט, נאך א הערצליכער בעגריסונג. איך האב צו אייך א ביטע און איך האָף, דאס איהר וועט מיר ניט ענטזאגען.

— אויב נור מעגליך, וועל איך דאס געוויס טאָהן.

— איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען, ווען איהר וואָלט מיר פערקויפט אייער פאפוגייא.

— מיין פאפוגייא ? וואצו ברויכט איהר איהם ?

— אייער פאפוגייא איז מיר זעהר געפעלען געוואָרען, ער איז א מערקווירדיגער פאָגעל. איך האב נאך ניט געהערט א פאפוגייא זאָל זאָ דייטליך שפרעכען. איך

בין אין דער לעצטער צייט זעהר נערוועז געווארען. עס געהען איבער נעכט, וואס איך שלאף ניט און איהר קענט אייך פארשטעלען, וויא טרויעריג עס איז צו ליעגען א גאנצע נאכט אין בעט וואכענד. דארום וויל איך דעם פאפונייא אין מיין צימער אריינשטעלען און ער וועט מיט זיין ריידען דיא לאנגוויילינגע לאנגע נאכט פערקירצען.

— מיר איז זעהר שווער זיך צו שיידען פון דעם פאפונייא – האט סאם דע פינטא גענענטפערט — מיר האט זעהר פיעל מיהע געקאסט, ביז איך האב איהם אויסגעלערענט רעדען, דאס וואס איך האב געוואלט הערען. דארום וועל איך אייך איהם לייהען אויף א קורצער צייט, אבער ניט פערקויפען.

— ניין, ליעבער פריינד, איך וועל זעהר צופריעדען זיין, ווען איהר וועט מיר דעם פאגעל פערקויפען. פון געלד איז קיין רעדע, איך וועל פאר איהם בעצאהלען, וויפיעל איהר וועט פון מיר פערלאנגען.

סאם דע פינטא, האט אייניגע מינוטען געטראכט און האט געענטפערט: „איך האב ניט דעם מוטה אייך צו ענטזאגען, איך וויל בייא אייך קיין געלד, דען עס איז ניטא זא פיעל געלד, וויפיעל ער האט פאר מיר דיא ווערטה. אבער איך שענק איהם אייך, אום איהר זאלט וויסען, דאס אום אייך צו בעפריעדיגען, איז מיר קיין זאך צו שווער.

— א, וויא גוט און עדעל איהר זייט, ליעבער סאם. איך פערזיכער אייך, דאס אויך פון אייערטוועגען וועט מיר קיין זאך שווער זיין צו טאהן. וואס פאר פראזען רעדט אייער פאפונייא?

— ער האט אויסגעלערענט צווייא פראזען, געמכין: „העלף אונז גאט“ און „איך ליעב דיך ציון.“

— זעהר שעהנע פראזען — האט פעטרוס געזאגט — אבער ווארום האט איהר גראדע דיא שטאדט ציון אויסערוועהלט פיר דעם פאפונייא׳ס ליעבע? פיעל שעהנער וואלט געווען, ווען ער זאל זאגען: „איך ליעב דיך, יעזוס.“

— איז דאס ניט דאס זעלבע? — האט דע פינטא געענטפערט. — ווארום ליעב איך דיא שטאדט ציון, דערפאר וואס אין איהר האט זיך דער ערלעזער ערצאגען, אין איהר איז ער געשטארבען און דארט איז זיין הייליגער גראב.

— איהר האט רעכט, ליעבער סאם.

— איך וועל געהען אריינטראגען דעם פאפונייא — האט דער אלטער פריסטער געזאגט און איז פון דעם צימער ארויס געגאנגען.

— בראווא! — האט פעטרוס צו זיך אליין געזאגט — דיאנא וועט פון דעם פאפונייא איבערראשט ווערען, און זיא וועט מיר פאר איהם זעהר דאנקבאר זיין.

— סאם דע פינטא האט אריינגעטראגען א שטיינעלע, אין וועלכען א פאפונייא פון פערשיעדענע פארבען, איז געשטאנען.

„איך ליעב דיך, ציון?“ האט דער פאגעל אויסגערופען מיט אזא דייטליכע שטימע, דאס מען האט געקענט מיינען, אז א מענש רעדט דאס.

— אויסגעצייכענט! — האט דער גראס־אינקוויזיטאר ערפרעהט געזאגט — ערלויבט מיר אייער האנד צו דריקען, פאר דיעזען שעהנעם פרעזענט.

ער האט ערגריפען דעם אלטענס האנד און האט זיא הערצליך געדריקט.

— ערלויבט איהר אויך מיר, מיט מיין ליעבלינג זיך צו געזעגנען — האט דע פינטא געזאגט.

ער האט אויפגעעפענט דאס שטיינעלע און האט געזאגט, קום אהער סאלים.

דער פאפונייא איז ארויסגעפלויגען, האט זיך געשטעלט אויף דעם אלטענס אקסעל און האט אויסגעשריען: „העלף אונז גאָטט!“

דע פינטא האט איהם גענומען אויף דיא הענד, האט איהם צוגעטראגען צום מונד און האט איהם א הערצליכען קוש געטאהן. נאכהער האט ער איהם איבערגעגעבען פעטרוס'ן, וועלכער האט נאך אמאל דעם פריסטער בעדאנקט און איז שנעל אוועק געגאנגען.

דע פינטא איז געבליעבען אליין זעהר טרויעריג.

איהם איז געוועזען צו מוטה, וויא מען זאל בייא איהם זיין בעסטען פריינד צונעהמען.

זיין בליק איז געפאלען אויף א בריעף, וואס איז אויף דעם טיש געלעגען פערשטעקט אין א קאָנווערט און ער איז לייכענבלאס געוואָרען.

— מיין גאָטט! — האט ער געשטאמעלט — וויא אונפארזיכטיג איך בין, ווען בעהיטע גאָטט, דער פעטרוס זאל געוועזען א קוק טאהן אויף דעם אינהאלט פון דיעזען בריעף, וואלט דאס גרעסטע אונגליק געקומען אויף מיר און אויף פיעלע פון מיינע ברידער.

מיט ציטערענדע הענד, האט ער דעם בריעף ארויסגענומען, האט איהם נאך אמאל דורכגעלעזען.

דאס וואר דער אינהאלט פון דעם בריעף.

רבי שמעון!

די שוהל אין קאלא דעל ארינא, מוז ענטהאבען ווערען, ווייל דער שפּיאָן פירא דע קראן, האט זיך ארייננעצווינגען אין דעם הויז נעגענאיבער. איהר ווייסט, וויא געפעהרליך דאס איז...

דער זעלבער שפּיאָן, האט צו אָפּט אָנגעהויבען צו בעזוכען רבי משה פער... צו האט ער עטוואס נים דערשמעקט.

איך האָף, אז איהר וועט די צוויא זאכען גוט אין זינען האבען און מיט דער האָפנונג, פערבלייב איך אייער ערגעבענער,

מרדכי.

דער אלטער פּריסטער האט געשווינד דעם בריעף צעררריסען און אין פייער געוואָרפען.

ער האט אויפגעהויבען די אויגען צום הימעל און האט געזאגט: איך דאנק דיר גאָט פון איזראעל, דאפיר וואס די האסט אונז פון אנ׳אונגליק פערהיט. אָ, בעוויז דאָך דיין חסד אויך ווייטער צו אונז, דיינע עלענדע קינדער, און מאך שוין אנ׳ענדע צו די געפאהרען, וואס שוועבען איבער אונזערע קעפּ.

וועהרענד דער אלטער פּריסטער סאם דע פינטא, האט זיין הערצליכע גע־בעט אויסגעשפּראָכען, איז דער גראס־אינקוויזיטאָר מיט זיין פּאפּוגייא, געפלויגען אהיים.

ער האט אין זיין היים געטראָפען דעם פּריסטער, שפּיאָן פירא דע קראָן.

— איך ווארט שוין אויף אייך זייט צוויא שטונדען — האט פירא גע־זאָגט.

— האסט דוא מיר עטוואס נייעס געבראכט? — האט דער גראָסס־אינקוויזיטאָר נייגיעריג געפרעגט.

— זעהר וויכטיגע נייעס.

— נו, ערצעהל שנעל.

— די נייעס בעשטעהט אין דעם, וואס מעהר וועל איך צו מיזא דע פער־ריירא אין הויז, נים קענען קומען.

— ווארום דען?

— ווייל מען האט מיך פון דאָרט ארויסגעיאָגט.

— דוא ביזט אויך דאָרט הייטע געוועזן ?

— יא, אייער הייליגקייט, איך בין דאָרט געוועזן און מען האט מיר גאַנץ פרייא געוויזען דיא טהיר.

— ווער ? ווער האט געוואָנט דיך פון דאָרט צו טרייבען ?

— איהר וועט איבערראשט ווערען, ווען איך וועל אייך זאָגען, אז דיאנא האט זעהר א שטאַרקען פערטהיידיגער. ער איז זאָ מעכטיג, דאס זאָגאר איהר וועט איהם גאר ניט קענען טאָהן.

— דוא מיינסט געוויס יאָזע פאַן לערמא.

פירא איז איבערראשט געוואָרען.

— איהר ווייסט שוין, אז ער איז מיט איהר א שטאַרקער מחותן ? — האט ער עקשטווינט נעפרעגט.

— יא, איך ווייס.

— וויא זאָ ווייסט איהר דאס ?

— ווייל איך אליין האב איהם דאָרט געזעהן.

— איהר זייט אויך הייטע דאָרט געוועזן ?

— געוויס, איך האב דיאנא׳ן פערקויפט דיא פייגעלעך, וואס דוא האסט מיר געבראכט.

— און איהר האט דאָרט געטראָפען דעם יונגען הערצאָג ?

— יא.

— און ער האט אייך אויך דאָרט געזעהן ?

— געזעהן האט ער מיך, אָבער צום גליק האט ער מיך ניט ערקענט, ווייל איך וואר פערקליידעט אלס יעגער.

— און טאקי דער יונגער הערצאָג האט מיך פון פערריירא׳ס הויז ארויס־געיאָגט, ער האט גאַנץ אָפען געזאגט, אז אויב ער וועט מיך דאָרט נאך אמאל טרעפען, וועט ער מיך אָבשיקען אין גן־עדן. דאס הייסט, ער וועט מיר מיט זיין שווערד אריינפאָהרען אין מיין הייליגער ברוסט.

— נו, און דוא שרעקסט זיך דערפאר ?

— געוויס האב איך מורא. וויא פרום און גאָטספירכטיג איך בין, האב איך דאָך קיין לוסט אין גן־עדן אריינצוקומען. מעהר קום איך ניט אין פערריירא׳ס שטוב.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר האט זיך פערטראכט.

— זאג נור, פירא — האט ער ענדליך געפרעגט — וויא איז דיין מיינונג, ליעבט דער הערצאָג דיאנא׳ן ?

— און איהר פרעגט נאך ? בייא אייך איז א צווייפעל, אויב ער ליעבט זיא ? וואס דען דענקט איהר, טהוט ער דאָרט, ער לייענט פאר זייא דעם נייעם טעסטא־מענט אָדער ער פּרעדיגט זייא מאָראל ? גיין, אייער היילינקייט, אזא חברה־מאן, וויא יאָזע פאָן לערמא איז, מאכט ניט קיינע אומזאָנסטע בעזוכע. דאס אליין וואס ער האט מיך פון דאָרט ארויסגעיאָגט, בעווייזט, אז ער איז דאָרט א גאַנצער בעל־הבית. דאס בעווייזט, אז זיין בעל־הבתיש׳קייט שטאמט פון דעם, וואס ער איז א גרויסער מחותן מיט דיאנא׳ן.

— דוא האסט רעכט — האט פעטרוס געזאגט.

— געוויס האב איך רעכט און איך דענק, דאס אויך אייער היילינקייט דאַרף זיך פערגעסען, אז א דיאנא לעבט אין דער וועלט. ווייל יאָזע פאָן לערמא קען זיך פערגעסען, אז איהר זייט א גראָס־אינקוויזיטאָר און ער קען אייך אויך אָבשיקען אין גן־עדן.

— האב גאר קיין זאָרג וועגען מיר. דאס איז וואהר, אז יאָזע איז מעכטיג, דערפאר אָבער בין איך קלוג. איך וועל שוין מאכען, דאס דער מיניסטער דאנעל פאָן לערמא, וועט צערייסען דיא פריינדשאפט אָדער דיא ליעבע וואס פערבינדעט זיין זאָהן מיט דייאנא׳ן.

— וויא זאָ וועט איהר דאס מאכען ?

— איך וועל א בעזוך אָבשטאטען דעם מיניסטער און וועל איהם אַללעס ערצעהלען.

— איך ווייס אָבער ניט, אויב דער מיניסטער וועט געגען דיעזער ליעבע פּראָטעסטירען. איז דען ניט מיזא דע פעררייראַ, איינער פון דיא אנגעזעהענסטע קויפלייטע אין אונזער לאנד.

— דוא האסט אנ׳אירטהום, פירא, צוואר איז מיזא וויא דוא זאגסט, איינער פון דיא אנגעזעהענע קויפלייטע אין אונזער לאנד. אָבער דער מיניסטער קען זיין מחותן ניט זיין.

— ווארום ?

— ווייל איך האב ערפאהרען, אז מיזא דע פעררייראַ איז א מאראן, עס הייסט, ער שטאמט פון דיא פערפלוכטע יודען. דוא פערשטעהסט ? אין זיינע אדערן פליעסט יודיש בלוט. נו, וויא פערשטעהסט דוא, וועט דער מיניסטער זיך

ערניעדרינען, זיינע קינדער צו פערבינדען מיט קינדער, וואס שטאמען פון יעזוס'עס מערדער?

— הימעל, וואס הער איך? — האט פירא אויסגערופען — מיזא איז א מאראן?

— יא, יא. איך וויס דאס בעשטימט. זיינער אנ'עלטער אנקעל איז מיט פערציג יאהר צוריק פערברענט געוואָרען אין אנ'אויטא־דא־פע, ווייל מען האט ערפאהרען, אז ער איז א געהיימער יודע.

— דאס איז זעהר וויכטיג — האט פירא געזאגט — איך גלויב אויך, דאס ווען דער מיניסטער וועט דאס ערפאהרען, וועט ער זיין זאָהנס ליעבע צו דעם מאראנס טאָכטער ניך פערלעשען.

— זיא מוז אין מאנאסטיר אריינטרעטען — האט פעטרוס שטרענג אויס־געשריען — זיא מוז זאג איך, אזוי וויל איך, און פארלויפיג האט זיך נאך ניט גע־מאכט אזא פאל, איך זאָל א זאך וועלען און ניט ערררייכען. לאָז מיך יעצט אליין, פירא. דוא זאָלסט צו מיר קומען אין אכט טעג ארום. אונטער דער צייט וועל איך בעטראכטען א מיטעל, וויא מיר זאָלען אונזער ציעל ערררייכען.

— איך ווינש אייך דעם גרעסטען ערפאָלג און דאבייא א גוטע נאכט, האט פירא געזאגט און איז אוועקגעגאנגען.

ח.

ליעבעס-ערקלערונג.

רעליגיאָן און ליעבע.

דאס זיינען צווייא מעכטיגע געגענשטענדע, וואס זיינען אין שטאנד מיט זייער קראפט טויזענדער מענשען אין אבגרונד צו שטירצען.

קען דען יעמאנד אויסרעכענען דיא פיעלע מענשליכע אָפפער וואס זיינען גע־פאלען צוליעב דער רעליגיאָן? גאנצע פעלקער האבען זיך פאר דיעזער קריטשור (ווילדע זאך) פרייוויליג אויפגעאָפפערט, און אונצעהליגע פעלקער, זיינען אונטער־געגאנגען דורך דעם, וואס א רעליגיאָן האט זייא פערפאָלגט.

זאָלבע וואונדער האט אויך דיא ליעבע געוויזען, טויזענדער מענשען זיינען דורך איהר אין גראב געטריעבען געוואָרען, און גאנצע פעלקער זיינען פערניכטעט געוואָרען דורך דער ליעבע פון זייערע הערשער.

דער אונטערשיעד צווישען דיאביידע בקוטניערינע נעגענ׳שטענדע (רעליגיאָן און ליעבע) איז דאס, וואס דיא ערשטע (דיא רעליגיאָן) איז א טאָכטער פון דער פאנאטיזמוס, א קינד פון א נארישער איינבילדונג, וועהרענד דיא צווייטע (דיא ליעבע) איז א טאָכטער דער נאטור, א קינד פון דעם וועלט־באשעפער.

און ווען דיא ביידע טרעטען ארויס אין קאמפף, איז דיא מלחמה צווישען זייא איינע פון דיא שרעקליכסטע.

אזא מלחמה האט יעצט געוויטהעט אין דיאנא׳ס ברוסט.

דאס מעדכען וואס וואר איבערגעגעבען דער יודישער רעליגיאָן מיט לייב און זעעלע און איז פערטיג געווען זיך פאר איהר אויפצואָפּפערן. זיא האט זיך פערליעבט אין א קריסט, וויסענדיג דאס אזא מאן טאָר זיא ניט הייראטהען, און דאס דארום איז איהר ליעבע איינע האָפנונגסלאָזע.

יאָזע האט אָנגעפאנגען זיא טעגליך צו בעזוכען און מיט יעדען טאָג זיינען זייא אלין שטארקער צונעבונדען געוואָרען איינער צום צווייטען. ער האט איהר אין יעדען נעשפרעך געגעבען צו מערקען, דאס ער ליעבט זיא גרענצענלאָז. דאס זעלבע האט זיא אויך געפיהלט. אָבער זיא האט ניט פערגעסען, דאס זייערע רעליגיאָנען זיינען פערשיעדען. דארום האט זיא זיך געמאכט, וויא זיא פערשטעהט זיינע וואָרטען ניט.

אָבער איהר ליעבע צו איהם, האט זיא ניט געלאָזט רוהען. וויא א שאטען איז יאָזעס געזיכט איהר נאכגעגאנגען אויף שריט און טריט. זיא האט נור געוואָלט זיין אין זיין געגענוואַרט, און ווען ער איז אין זייער הויז ניט געווען, האט זיא געפיהלט, וויא איהר פעהלט עטוואס. ניט עטוואס, אלעס, יא, אלעס.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר איז אבערמאלס אין איהר וואָהנונג געווען. ער האט איהר געבראכט דעם פאפונייא.

וויא פריהער, וואר ער פאָרגעשטעלט אלס פאָנער־הענדלער.

זיא האט זיך זעהר ערפרעהט, דערזעהענדיג דעם פּראכטפאָלען פאפונייא, און ערהערענדיג זיינע ווערטער.

„איך ליעב דיך ציון.“

דיעזע פראַזע, וואס דער פאפונייא האט זעהר דייטליך אויסגערעדט, האט זיא איבערראשט.

איהרע עלטערען האבען איהר אימער ערצעהלט פון דעם, וואס יעדער יודע מוז ליעבען זיין אמאליגע פאטערלאנד און זיין אמאליגע קעניגליכע שטאָדט ציון.

זייא האבען איהר געזאגט, אז דיא שולדיגקייט פון יעדען יודען איז, ער זאָל דער־מאָנען ציון אין פרייד און אין לייד.

און דיעזער פאפוגייא, רעדט דאסזעלבע וואס יעדער יודע בעדארף רעדען. ער וועט איהר עטליכע מאל אין טאָג דערמאָנען דיא אַלטע יודישע היילינע שטאָדט ציון.

— איז אזא פאפוגייא ניט ווערטה מיליאָנען?

אָבער דאס וואס יאָזע האט איהר געזאגט, אז דער פאָגעל־הענדלער מוז זיין א גנב, ווייל ער פערקויפט זיינע פייגעלעך זאָ ביליג, האט זיא שטארק ערשראָקען, און זיא האט שוין געפירכטעט דעם פאפוגייא פון איהם צו קויפען.

זיא האט זיך ניט געשעהמט און האט דעם פאָגעל־הענדלער גאנץ אָפען גע־זאגט, אז זיא איז איהם חושד, אז ער האט יענע צווייא קאנאריקלעך ערהאלטען ניט עהרליכער ווייזע, ווייל ער האט זייא פערקויפט בלויז פאר איין פיאסטער.

אָבער דער יענער האט זיך פאנאנדערגעלאכט און האט זיא פערזיכערט, דאס ער איז קיין גנב. ער האט איהר ערקלערט, אז דיא פייגעלעך האט ער אליין געחאפט, זייא קאָסטען איהם קיין געלד, דערפאר לאָהנט איהם זאָ ביליג זייא צו פערקויפען.

דער טאָן, מיט וועלכען ער האט גערעדט און זיין געלעכטער, האבען זיא שנעל איבערציינט, אז ער איז קיין דיעב.

פאר דעם פאפוגייא האט ער שוין דערפאר געבעטען פינף פיאסטער, ווייל וויא ער האט ערקלערט, האט איהם פיעל מיהע און צייט געקאָסט, איהם אויס־לערנען דיא צווייא פראזען, און פאר זיין צייט און מיהע, וויל ער געלד.

זיא האט איהם מיט פערגעניגען דיא פינף פיאסטער בעצאָהלט, און האט איהם נאך דאבייא שטארק בעדאנקט.

ער איז זעהר צופריעדען אוועק געגאנגען, און זיא איז נאך מעהר צופריעדען געוועזען.

אַלס יאָזע פאָן לערמא איז אויף מאָרגען נאך דעם קויף, צו איהר געקומען, האט זיא איהם געציינט דעם פאפוגייא, און ער האט גרויס פערגעניגען געהאט פון דעם פערגעניגען, וואס דער פאָגעל פערשאפט זיין הערצענס־געליעבטע.

— דער פאפוגייא איז א זעלטענהייט — האט ער שמייכלענד געזאגט — ער איז אָבער זעהר נאריש.

— ווארום איז ער נאריש? — האט דיאנא געפרעגט.

— ווייל אנשטאט דעם, וואס ער זאגט „איך ליעב דיך ציון,“ האט ער בע־דארפט זאָגען „איך ליעב דיך דיאנא“.

זיא איז פערשעהמט געוואָרען און האט ניט קוקענדיג אויף איהם געזאגט: „איך האב נאך בייא דעם פאָגעל קיינע ליעבע פערדיענט.“

— דאס ווייס איך, אָבער דער פאָגעל רעדט דאך אויס דאס וואס אנדערע פיהלען, און ווען ער זאָל זאגען, „איך ליעב דיך, דיאנא, וואָלט ער דאמיט אויסגע־דריקט דאס וואס איך פיהל.

— גענוג, פערדינאנד*) — האט זיא וויא בעז ערוויעדערט — פאר אזא מענשען וויא דוא ביזט, פאסט ניט זאָ וואס צו ריידען.

— פאר מיר פאסט ניט צו זאגען, אז איך ליעב דער שעהנסטער און דער עדעלסטער אין דער וועלט? — האט ער אויסגערופען. פון מיר וואָלט דאס געווען א פערברעכען, ווען איך וואָלט מיינע געפיהלע פערלייקענט. אָבער איך בין אנ׳אָפענער מענש. איך זאָג אימער דיא וואהרהייט, בעזאָנדערס בייא אזא זאך וואס מיין גאנץ לעבען הייננט אָב אן דעם, מוז איך געוויס אָפען זאָגען, דאס וואס איך דענק. יא, דיאנא, איך ווידערהאָלע נאך אמאל דאס זעלבע, אז איך ליעב דיך. פון דער ערשטער מינוט וואס איך האב דאס גליק געהאט דיך פון פייער צו רעטען, האט זיך אין מיין ברוסט א פייער אָנגעצונדען, דאס איז דאס פייער פון דער אונפערלעשליכער ברעננענדער הייליגער ליעבע.

— אָבער אום גאָטטעס ווילען, פערדינאנד, ווארום זאָלסט דוא ריידען פון זאָלכע אוננוטציגע זאכען.

— איך פערשטעה ניט ווארום דוא רופסט דאס אָן אוננוטציגע זאכען, איך גלויב אין נעגענטהייל, אז זאָלכע רייד, קענען גרויסע נוטצען ברענגען. זייא וועלען ברעננען דאצו, דאס פון אונז ביידען וועט איין פּאאר׳ל ווערען...

— ליידער האסט דוא אנ׳אירטהום, פערדינאנד.

— וואס הייסט אנ׳אירטהום.

— דיינע רייד וועלען נוטצלאָז בלייבען.

— ווארום דען?

— ווייל איך קען דיינע ניט זיין.

יאָזע האט זיא ערשראָקען אָנגעקוקט.

---

*) דיא לעזער זאָלען ניט פערגעסען, אז יאָזע האט געזאגט, דאס ער הייסט פערדינאנד דע מעדיסי.

— דוא קענסט מיינע ניט זיין ? — האט ער אויסגערופען — ווארום ליעבסט דוא מיך ניט ? אָדער פיהלסט דוא, דאס דוא וועסט מיך ניט קענען ליעבען.

— ניט דאס..... אין געגענטהייל..... — האט זיא געשטאמעלט — אָבער....

— וואס פאר אנ'אָבער ? איך וויל וויסען וואס קען אונז פערהינדערן, מיר זאָלען זיך אויף אימער און עוויג פערבינדען.

— דאס קען איך דיר ניט זאגען.

— דיינע עלטערן וועלען ניט וועלען דיך אין מיינע הענד איבערגעבען ?

דיאנא האט געשוויעגען.

— דיין שוויינען צייגט מיר, אז איך האב געטראָפען — האט יאָזע געזאגט — איך בין אָבער נייגיעריג צו וויסען, ווארום זייא וועלען פירכטען דיך מיר אנצופער־טרויען. גלויבען זייא פיעלייכט דאס איך בין אונווירדיג זייער שוויעגערזאָהן צו זיין ? איך וועל זייא אָבער פאקטיש בעווייזען, דאס איך בין יא ווירדיג דאצו. איך שטאם פון דער גרעסטער שפאנישער פאמיליע, אליין בין איך וויא זייא וויסען אָפיציער און פאר מיר איז אָפען א גלענצענדע צוקונפט.

— ווען זאָגאר דוא זאָלסט זיין א פרינץ, קענסט דוא מיין מאן ניט זיין.

— אָבער אום גאָטעס ווילען, יעדער ווארום מוז דאָך האבען זיין דארום. ביזט דוא שוין פיעלייכט פערלאָבט פאר אנ'אנדערן.

— דאס ניט.

— אלזאָ, ווארום זאָל איך ניט קענען דיין לעבענס־בעגלייטער זיין ?

— פערדינאנד ! — האט זיא געזאגט און טרערען האבען זיך געוויעזען אין איהרע אויגען — איך בעט דיך, מארטער מיך ניט מיט זאָלכע פראגען, איך קען ניט און מיר איז אונמעגליך דיינע פראגען צו בעאנטווארטען.

— אלזאָ, איז קיין האָפנונג דאָ, איך זאָל מיט דיין האנד בעגליקט ווערען ?

— ליידער ניט.

— ניט ? עס איז קיין האָפנונג דאָ איך זאָל דיין האנד בעזיטצען ? — האט ער א געשרייא געטאָהן — אָ, ניין ! זאָלכע ווארטען וויל איך ניט הערען, איך וויל זאָ וואס ניט גלויבען. דען ווען איך זאָל דאס גלויבען, מוז איך אויפגעבען אלע האָפנונג אויף א גליקליך לעבען. דען נור און דיר איז מיין גליק פערבונדען, אָהנע דיר, וועל איך מיך אימער אונגליקליך פיהלען. דאס זאג איך דיר, דיאנא, און דאס

זאָלסט דוא איבערגעבען דיינע עלטערן, זאָג זייא, אז קיין זאך אין דער וועלט, וועט אונזער בונד ניט צעררייסען. איך וייס, דאס דוא ליעבסט מיך אויך, און קיינער זאָל וואגען זיך צו פריוועך דיעזע ליעבע א הינדערניס אין וועג צו שטעלען. דוא מוזט מיינע זיין, דאס שווער איך ביא דעם היילינען אנדענקען פון מיין ליעבער מוטער.

ט.

דיא אינטריגע.

דער קלוגער קעניג שלמה, האט נאך מיט טויזענדער יאָהר צוריק געזאגט׳ אז „ווען א קליין מענשעלע ווערט א הערשער, ציטערט דיא ערד אונטער איהם״. עס הייסט, דיא ערד בעדויערט וואס אזא אונווירדיגער מענש, האט אזא הויכע שטופע עררייכט, ווייל אזא הערשער קען זיך קיין מאאס שטעלען. ער וויל, אז אלע זאָלען פאר איהם ציטערן, אלע זאָלען פיהלען זיין גרויסע קראפט, זיין שטאָלץ האט קיין גרענעץ. ער בילדעט זיך איין, אז ער איז ניט אזא מענש וויא אלע, און ווען ער זאָל קענען זיך ערקלערען אלס גאָטט, וואָלט ער דאס געוויס גע־טאָהן.

וויא וויים ריכטיג דאס איז, האט בעוויעזען דער הערצאָג, דאנעל פאָן לערמא.

דיעזער מענש, וועלכער איז פון דעם מיסט אויפגעהויבען געוואָרען צו זיין דער הערשער פון שפאניען, האט זיך איינגעבילדעט, אז ער איז א גאנץ אנדער סאָרט מענש. בעסער געזאגט, אז ער איז גאר קיין מענש, נור א מלאך, אָדער א קליינער גאָט.

מיט פעראכטונג האט ער געקוקט אויף דער גאנצער וועלט און אויף אלע מענשען.

קיינער האט בייא איהם קיין ווערטה געהאט, און ווען ער האט יא צו יעמאנדען א פריינדליך וואָרט געזאגט, האט ער דאבייא געהאט א געוויסען ציעל.

ער האט קיין מענשען ליעב געהאט, אויסער זיין זאָהן יאָזע, ווייל ער וואר בייא איהם איינער און איז זעהר געראטען געווען. ער האט געוואָלט, אז יאָזע זאָל הייראטהען א פרינצעסין, און ער האט פעסט געגלויבט, אז אזוי וועט זיין.

ער האט קיין מענשען געאכטעט, אויסער זיין ערציהערין מאריא, וועלכע האט איהם נאך זיינע עלטערנס טויט צו זיך צונענומען, און האט איהם מיט דער גרעסטער צערטליכקייט ערצאָגען.

דיעזע פרוי וואר שוין איבער זעכציג יאָהר, זיא וואר אַנ׳איינפאַכע פּראָסטע מוזיטשקע, און דאָך האט זיא שכל געהאט איהם צו ערציהען אין א קאטהאָלישע קירכע, וואו מען האט איהם געלערענט שרייבען, לעזען און פערשיעדענע נאַטה־ויע־יגע וויסענשאפט. זיא האט אויסגעווירקט דורך דער פּראטעקציע פון א גע־ריהמטען פריסטער, ער זאָל אלס יונקער אריינטרעטען אין מיליטער און זאָל זיך שנעל דערדיענען צו דעם ראנג לייטענאנט.

דאס אלעס האט דאנעל פערשטאַנען צו שעטצען און אלס ער איז אזוי ער־הויכט געוואָרען, האט ער דיא פרוי אין זיין הויז אריינגענומען, און האט זיא גע־מאכט פאַר דער גאַנצער ווירטהין אין זיין פּאלאַסט.

ער פלעג זיא רופען מוטער און האט איהר דיא גרעסטע עהרע צוגע־טהיילט.

זיא פון איהר זייט, האט איהם געצייגט מוטערליכע ליעבע און האט אויך יאָזען וויא א געטרייע צערטליכע מוטער בעהאנדעלט, זאָ דאס דער יונגער מאן האט זיא געליעבט, וויא מען קען נור א געטרייע מוטער ליעבען.

דאנעל איז וויא בעשאפען געוואָרען פאַר דער נארישער שפּאַניען, וועלכע האט זיך געלאָזט מעלקען פון יעדען עזות פנים און פון יעדען פאַראזיט.

דער קעניג פהיליפּ דער דריטער, וועלכער האט זיין גאנצע קינדהייט פער־בראכט צווישען גלחים, וואס האבען איהם געשטאָפּט נור מיט מוסר און מיט פרומקייט. דער יונגער קעניג׳ל איז געגליכען געוועזען צו אַנ׳ארעסטאנט, וואס האט פיעלע יאָהר געלעבט אין א פינסטערן קעלער, און איז פּלוצלינג ארויס געגאנגען פרייא אין א וועלט פול מיט פערגעניגען. אזא בעפרייעטער ארעסטאנט, וויל פון קיין זאך וויסען, וויא נור גניסען דיא פערגעניגען וואס רינגלען איהם ארום.

אויך פהיליפּ דער דריטער, האט פון קיין זאך געוואָלט וויסען, וויא נור פון פערגעניגען. ער האט געהייראטהעט אַנ׳עסטרייכישע פּרינצעסין, זעהר א שעהנעס מעדכען און מיט איהר צוזאמען האט ער געשוואומען אין פערגעניגען, איבער־לאָזענדיג דיא הערשאפט אין דאנעל׳ס הענד.

פרום איז דער קעניג אויך יעצט געווען. זיין פרומקייט איז בעשטאנען אין דעם, וואס ער האט געוואָלט זעהר אָפט זעהען, וויא מען פערברענט קעטצער, אפּיקורסים, וואס גלויבען ניט אין קריסטוס.

זעהען וויא מען פערברענט זאָלכע מענשען, וואר איינס פון זיינע בעסטע פערגעניגען, און דארום האט איהם דאנעל פאָן לערמא, צוליעב געטאָהן און האט זעהר אָפט אזא בלוטיגע סצענע אויסגעפיהרט אויף דעם „פלאזא מייאָר".

„פלאזא מייאָר" ווער א גרויסער פלאטץ נעבען דעם קעניגליכען פאלאסט. דער פלאטץ האט פערנומען 430 אויף 330 פוס. ארום איהם זיינען געוועזען דיא פאלאטצען פון דעם שפּאַנישען אדעל, פון דיא רייכסטע לייטע.

אויף דעם פלאטץ פלעגען פאָרקומען „שטיער געפעכטע" (דאס איז דיא שפאנישע בעליעבטע שפיעל, וואו מענשען קעמפפען געגען ווילדע אָקסען.) פער־שיעדענע אונטערהאלטונגען, און אויף דעם זעלבען פלאטץ פלעגט מען פערברענען דיא אפיקורסים אויף דעם אויטע דע פע.

אלע הייזער וואס ווארען ארום דעם פלאזא מייאָר, האבען געהאט הויכע גרויסע באלקאָנען, וואו דיא איינוואָהנער פון דיא הייזער פלעגען זיטצען און צו־קוקען דיא שטיער געפעכטע, דיא פערשיעדענע פאָרשטעללונגען, וויא אויך דיא אויטא דע פעען.

דעם שענסטען באלקאָן, האט געהאט דער קעניגליכער פאלאסט. אויף איהם פלעגט זיינע מייסטעט, דער קעניג מיט זיין ווייב, און זייער קעניגליכע עדלע פאמיליע זיטצען און פערגעניגט צוקוקען, וויא מען ווארפט לעבעדיגע מענשען אין פייער, אונטער דעם געזאנג פון דיא הייליגע פריסטער.

אין פערלויף פון דיא געצעהלטע ווניגע יאָהרע, וואס דאנעל האט זיין שטעלע אלס ערשטער מיניסטער בעטראַכטען, האט ער ניט וועניגער וויא מיט זעכס אויטא דע פעען דער קעניגליכער פאמיליע בעגליקט. אין דיא אויטא דע פעען זיינען פער־ברענט געוואָרען ניט וועניגער פון טויזענד מענשען, גרעסטען טהייל פון זייא, ווארען געהיימע יודען.

דער קעניג איז זיין מיניסטער זעהר דאנקבאר געוועזען, פאר דיא גרויסע פער־געניגען, וואס ער פערשאפט איהם, און דעם מיניסטער האט זעהר הנאה געטאָהן, וואס ער האט שכל, זיין נארישען קעניג צופריעדען צו שטעלען.

יעצט האט ער זיך געקליעבען א נייעם אויטא דע פע צו פעראנשטאלטען, און דעם קעניג איבערראשען מיט אזא סצענע, וואס ער האט נאך קיינמאל געזעהען.

ער האט געוואָלט מען זאָל אויף דעם באלדיגען אויטא דע פע, פערברענען ניט וועניגער פון 1500 מענער, פרויען און קינדער.

ער האט דארום אָנגעזאגט דעם גראָס־אינקוויזיטאָר, וויא אויך אַלע פאַר־נעהמע פריסטער, זייא זאָלען בייא א פּראָצעס פון קעטצער (אפיקורסים) קיין סך טראַכטען און דאס וואָרט „שולדיג" אויסשפּרעכען.

דאס וואָרט „שולדיג" בייא אַזעלכע פעלע, האט געהייסען „פער־ברענען."

און דעם אורטהייל צו פערברענען, האט שוין דער עדלער מיניסטער אַליין ארויס געגעבען.

אַלס דאנעל איז איינמאל געזעסען אין זיין קאבינעט בעשעפטיגט מיט אייניגע וויכטיגע רעגיערונגס אינטערעסע, האט מען איהם געמעלדעט, דאס דער גראָס־אינקוויזיטאָר ליאָן פּעטרוס איז געקומען.

ער האט געהייסען באַלד דעם גראָס־אינקוויזיטאָר אריינפיהרען אין זיין קאַ־בינעט.

פּעטרוס איז אריינגעקומען, געקליידעט אין זיינע הייליגסטע קליידער און האט פערגלאָטצענדיג דיא אויגען, דעם מיניסטער זיין ברכה געגעבען.

לערמא האט דעם הייליגען מאַן געבעטען זיטצען, און האט מיט א פריינד־ליכען טאָן געפרעגט: „וויא גרויס איז יעצט דיא צאָהל פון דיא געפאנגענע קעטצער."

— צוויא הונדערט מיט דרייסיג דרייא — האט פּעטרוס גאנץ קאַלט גע־ענטפערט.

— נאָך וועניג פאר דעם אויטא דע פע, וואס איך וויל פעראנשטאלטען — האט לערמא געזאגט — איך מוז האבען דיא צאָהל פון 1500.

— געדולד, מיניסטער! — האט פּעטרוס געענטפערט — איך בין איבער־צייגט, דאס אין פערלויף פון נאָך אייניגע מאָנאטען, וועלען מיר האבען דיא פון איך פערלאנגטע צאָהל. מיינע שפּיאָנען ארבייטען מיט דער גרעסטער ענערגיע און פאסט יעדען טאָג קומען צו פרישע אָפּפער.

— זעהר גוט. מען מוז אַלע קעטצער פון אונזער הייליגע לאנד אויסראָטען — האט דאנעל געזאגט.

— און פאר דיעזער אונטערנעהמונג וועט אייך גאָט זעגנען, מיניסטער. ניעבט עס דען א גרעסערע וואָהלטהאט, וויא זאָלכע שרעקליכע פערברעכער צו פערניכטען.

— איך גלויב — האט דאנעל געזאגט — דאס דער גרעסטער טהייל פון זאָלכע פערברעכער, געפינט מען צווישען דיא מאראנען, ניט וואהר.

— נעווים, מיניסטער. דיעזע מאראנען, זיינען גרעסטען טהייל אונגלויבינע.

— פערפלוכטע בעסטיען! ווען איך זאָל קענען, וואָלט איך דיעזע אלע מאַראנען אין איין פייער פערברענט.

— אייער ליעבער זאָהן, מיניסטער, איז ניט מיט אייער לאָבענסווירדיגע מיינונג.

דאנעל האט איהם ערשטוינט אָנגעקוקט און האט געזאגט, איך פערשטעה אייער היילינקייט ניט.

— עס טהוט מיר זעהר לייד, אייך צו פערטרויען אזא געהיימניס, וואס וועט אייך געווים פיעלע שמערצען פערשאפען.

— בייא דער היילינער מוטער בעשווער איך אייך, איהר זאָלט מיר זאגען אין וואס דיעזע געהיימניס בעשטעהט — האט דער מיניסטער זעהר נייגיעריג געזאגט.

— איך מוז דאס אייך פערטרויען, דאס איז יא מיין שולדיגקייט, מיין היילינע פפליכט. איך האב פון א געוויסער קוועלע ערפאהרען, דאס אייער געעהרטער זאָהן, דענקט צו הייראטהען דיא טאָכטער פון א מאראן.

— אונמעגליך! — האט דאנעל אויסגערופען.

— איך וואָלט זעהר צופריעדען געווען, ווען דאס זאָל ניט וואהר זיין — האט פעטרוס ווייטער גערעדט — ליידער אָבער קען מען פון נאכט ניט מאכען טאָג.

— ווער האט דאס אייך ערצעהלט?

— מיינע שפיאָנען.

— מיין יאָזע וויל הייראטהען דיא טאָכטער פון א מאראן?

— יא, מיניסטער.

דער מיניסטער איז אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט, און איז ווילד איבער דעם צימער הין און צוריק ארום געלאָפען. ענדליך איז ער שטעהן געבליעבען פאר דעם גראָס־אינקוויזיטאָר און האט געפרעגט: „ווייסט איהר אויך ווער דאס מעדכען איז?"

— געווים ווייס איך.

— ווער איז זיא? זאגט שנעל.

— זיא איז דיא טאָכטער פון א געוויסען קויפמאן, מיזא דע פעררייראַ.

— מיזא דע פעררייראַ? איז ער ניט אַ זיידענ־הענדלער?

— יאָ.

— און ער איז אַ מאַראַן?

— יאָ, מיניסטער.

— איהר ווייסט דאָס געוויס?

— ווען איך זאָל ניט וויסען געוויס, וואָלט איך ניט געוואַגט דאָס אייך צו זאָגען.

— ווייסט איהר בעשטימט, דאָס מיין זאָהן וויל הייראַטהען זיינע טאָכטער?

— ניט זיינע טאָכטער, נור זיין זאָהנס אַ טאָכטער. זיא איז וויא מען זאָגט, זעהר אַ שעהן מעדכען.

— זיא מעג זיין שעהן וויא אַ געטטין, וועט זיא מיין יאָזעס וויב ניט זיין.

— געוויס איז דאָס פאַר אייער עדלען זאָהן קיין פּאַרטיע. ווער ווייס, צו איז דיזער מאַראַן ניט אַ געהיימער יודע.

— צו ער איז אַ יודע אָדער ניט, מיין זאָהן וועט זיין טאָכטער ניט הייראַטהען.

— ענטשולדיגט, מיניסטער, וואָס איך האָב אייך אַזאַ טרויעריגע נאַכריכט געבראַכט.

— אין געגענטהייל, איך בין אייך פאַר דיזער נאַכריכט, הערצליך דאַנקבאַר.

— איך האָף, דאָס דער מיניסטער וועט ניט ענטדעקען זיין געדיענען זאָהן, דאָס איך וואַר דער איבערברייינגער פון דיזער אונאַנגענעהמע נאַכריכט.

— האָט קיין זאָרג, ער וועט דאָס ניע ערפאַהרען.

— אַלזאָ, איך עמפּפעהלע מיך.

— געהט אין גאָטעס נאַמען, היילינער פאַטער.

פּעטרוס האָט זיך פערניינט, און איז אַוועק געגאַנגען זעהר צופריעדען....

וויא קומט ער אַהער?

ווען משה רבינו זאָל קענען אויפשטעהען פון זיין געהיימען קבר, און זאָל הערען, וויא זיינע יודעלעך זיינען איהם און זיין תורה געטרייא געבליעבען, וויא זייא האבען פאַר דער קליינער תורה׳לע זיך געלאָזט מקריב זיין, וויא צעהנדליגער טויזענדער יודען האבען פערבראַכט זייער לעבען אין טויט שרעק, היטענדיג אינם געהיים זיינע געבאָטען, וויסענדיג, אז אויב מען וועט דאס ערפאהרען, מוזען זייא אונטער דיא שרעקליכסטע יסורים שטערבען. יא, ווען רבי משה זאָל דאס אַללעס זעהען און הערען, וואָלט ער געוויס פאַר פריידע געטאַנצט.

דאס איז ווירקליך מערקווירדיג און אונגלויבליך, הונדערטער יאָהר זאָלען גאנצע גענעראַציאָנען (דורות) קענען נארען א וועלט, איינבילדען אַלעמען, אז זייא זיינען פרומע קריסטען, ועהרענד זייא זיינען געווען הייסע יודען. הונדערטער יאָהר זאָלען מענשען בייא זיך רעכט מאכען, לעבען אין שרעק און אונטער דער גרעסטער געפאהר, אבי צו בלייבען יודען. אזא קונסט, האט קיין פאָלק אין דער וועלט ניט בעוויעזען.

דער וואונדער איז בעדייטענד גרעסער, ווען מיר הערען, אז מענשען וואס זיינען געווען קאטהאָלישע גלחים, האבען איבעראל געפּרעדיגט דיא קאטהאָלישע געזעטצע, דיא מענשען זיינען געווען אזעלכע פרומע יודען, וואס זיינען יעדע מינוט פערטיג געווען צו שטערבען פאר זייער יודישע רעליגיאָן.

א האָף פרעדיגער, א הייליגער גלח, וואס דיא קעניגליכע פאמיליע לערענט פון איהם קריסטליכען מוסר, אזא מאַן זאָל זיין א יוד, דאס וואָלט קיינער גע־גלויבט, קיינעם וואָלט דאס ניט געקענט איינפאלען. אָבער עס איז דאָך אזא וואונדער געשעהען. עס האט דאָך אזא מענש געלעבט.

דאס איז אונזער בעקאַנטער סאם דע פינטא, וועלכער האט בייא דיא גע־היימע מאדרידער יודען געהייסען רבי שמעון בן פנחס, און האט בייא זייא בע־טראַטען דיא שטעלע אַלס ראַבינער.

הערט א קאָנטראַסט.

האָף־פרעדיגער, הייליגער מאנאך, און יודישער רב, אין איין פערזאָן.

סאם דע פינטא, אָדער רבי שמעון, האט דיא געהיימע מאדרידער יודען, פיעל גוטעס געטאָהן און האט זייא פון פיעלע אונגליקען פערהיט.

זייענדיג בעפריינדעט מיט אַלע אינקוויזיטאָרען און מיט אַלע גלחים, האט ער דער ערשטער דערשמעקט דאס אונגליק, וואס דארף איינעם פון זיינע רע־ליגיאָנס־ברידער טרעפען, און ער האט דאס אונגליק דורך פערשיעדענע וועגען בעזייטיגט.

ווען א געהיימער יוד איז אריינגעפאלען אין אנ׳אונגליק, איז סאם דע פינטא געווען דער ערשטער, וואס האט זיין מיינונג געזאגט, אז דער פערברעכער מוז צום טויט פעראורטהיילט ווערען, און אין דער זעלבער צייט, האט ער אלע מיטעל אנגעווענדעט, דעם אונגליקליכען צו רעטען דורך זעלטענע איינפעלע, און גרעסטען טהייל האט דאס איהם געלונגען.

האט ער דערשמעקט, אז אויף איינעם פון דיא געהיימע יודען איז געפאלען א פערדאכט, האט ער זיך ניט געפוילט מיילען וויט צו פליהען דעם יודען צו ווארנען, און איהם צו ראטהען וואס צו טאָהן.

דער בריעף וואס ער האט ערהאלטען, אז דער שפיאָן פירא דע קראן, איז געוואָרען אנ׳אָפטער בעזוכער אין מיזא׳ס הויז, האט איהם זעהר בעאונ־רוהיגט.

ליידער האט ער דיא ערשטע דרייא טעג אויס פערשיעדענע אורזאכען, זיך ניט געקענט זעהען מיט מיזא׳ן, אום מיט איהם וועגען דעם צו שפרעכען.

ערשט אויף דעם פירטען טאָג, שפעט בייא נאכט, איז ער צו־פוס אוועקגע־גאנגען צו מיזא׳ס הויז, וועלכעס וואר זעהר וויט פון זיין וואָהנונג.

דער זייגער האט שוין געשלאָגען צוועלף, אלס ער האט מיזא׳ס הויז ער־רייכט.

אין מיזא׳ס וואָהנונג וואר שוין פינסטער, נור אין איין פענסטער האט זיך געזעהען ליכט.

ער האט אָנגעקלאָפט.

— ווער קלאָפט דאס אזוי שפעט? — האט זיך געהערט דיא שטימע פון דעם הויז בעדיענטען.

— עפען אויף, רופין, דאס בין איך, סאם דע פינטא.

דער בעדיענטער רופין, וועלכער וואר אויך א געהיימער יודע, האט דיא טהיר געעפענט.

— זאָ שפעט, מיין הערר? — האט ער ערשטוינט געפרעגט.

— שלאָפט שוין מיזא?

— יא?

— אלע שלאָפען ?

— בלויז דיאנא שלאָפט נאך נים.

— וועק שנעל אויף מיזאן.

— דיא מינוט, מיין העררן — האט רופין געענטפערט — קומט אריין אין זאאל, באלד וועט דער העדר צו אייך אריינקומען.

סאם איז אריינגעגאנגען אין א הערליך מעבלירטען זאאל, רופין האט אָנגעצונדען צוויא ליכט און איז געגאנגען אויפוועקען דעם אלטען מיזא.

סאם דע פינטא איז אליין געבליעבען אין זאאל, שטארק פערטיעפט אין געדאנקען.

— ווער ווייס וואס דער שפיאן פירא דע קראן האט בעמערקט אין דעם הויז — האט ער זיך געקלערט — אומזאָנסט וועט דער הונד ניט קומען זעהר אָפט אהער, געוויס האט ער עטוואס דערשמעקט.

— איך מוז פרעגען מיזא'ן, וואס פירא טהוט דאָ, ווען ער קומט אהער וואס רעדט ער מיט דער פאמיליע.

— איך גלויב נים ער זאָל עטוואס ערפאהרען, מיזא איז פון שטענדיג אָן זעהר פאָרזיכטיג. עס איז אונמעגליך, ער זאָל אויף זיך ציהען א פערדאכט. אָבער ער איז דאָך ניט מעהר ווי א מענש און דער קליגסטער מענש קען מאנכעס מאל אונגערן א פעהלער בעגעהן.

— איך ליעב דיך ציון! — האט פלוצלינג א בעקאנטע שטימע אויסגעשריען.

סאם דע פינטא האט זיך א צאפעל געטאָהן.

ער האט ערקענט דיא שטימע פון זיין פאפוגייא.

ער האט זיך אין אלע זייטען אומגעקוקט, אָבער ער האט קיין פאפוגייא געזעהען.

— מערקווירדיג! — האט ער געשטאמעלט — איך קען שווערען, אז איך האב געהערט מיין פאפוגייא'ס שטימע.

און פיעלייכט האט זיך מיר נור אזוי אויסגעוויזען. איך בין אימער געוואָהנט געוועזען דיעזע פראזע פון דעם פאפוגייא צו דיעזער שטונדע צו הערען, דארום קלינגט דאס אין מיינע אויערן.

— העלף אונז גאָטט! — האט פלוצלינג דיא זעלבע שטימע אויסגערופען.

סאם איז פון זיין אָרט אויפגעשפרונגען.

יעצט וואר שוין בייא איהם קיין צווייפעל, אז ער האט דיא שטימע פון זיין פאפונייא געהערט.

ער האט אויך פערשטאנען, אז דיא שטימע קומט פון אנ'אנדער צימער.

— דאס איז מיין פאפונייא, מיין סאלים — האט ער געזאגט — וויא קומט ער אהער?

דיא טהיר האט זיך אויפגעעפענט, און מיזא איז אריינגעקומען האלב פער־שלאפען.

— סאם! וויא קומט איהר זאָ שפעט אהער? — האט ער ערשראָקען גע־פרעגט — דאס איז ניט אומזיסט. זאגט, אום גאָטטעס וויקען, וואס האט פאַ־סירט?

— שרעקט זיך ניט, דיא געפאהר איז נאך ניט אזוי גרויס — האט איהם דע פינטא בערוהיגט — זעטצט זיך, וועל איך אייך עטוואס פרעגען.

מיזא האט זיך געזעטצט, און האט זעהר נייגיעריג געקוקט אויף דע פינטא.

— קומט צו אייך אריין א פריסטער, פירא דע קראן? — האט סאם גע־פרעגט.

— יא.

— ער קומט אָפט אהער?

— זעהר אָפט.

— וואס טהוט ער דאָ?

— ער פרעדיגט אונז זיין פינסטערע מאָראַל און ער ניט אונז צו פערשטעהן, אז מיר זיינען פערפפליכטעט אונזער דיאנא'ן צו שיקען נאך דעם מאנאסטיר.

— זאָ?...... האט סאם וויא צו זיך אליין געזאגט — נו, וואס נאך רעדט ער?

— ער רעדט פאסט פון קיין אנדער טהעמא, וויא נור פון דער — האט מיזא געענטפערט — אָבער דיעזע וואָכע האט זיך געמאכט א מערקווירדיגער פאַל.

— וואס איז דאס פאר א פאַל?

— איהר האט דאָך געוויס געהערט פון דעם וואס מיין הויז, אין קאלא דע טולידא, האט אָבגעברענט, און מיינע פרוי מיט מיין טאָכטער, זיינען וויא דורך א נס גערעטעט געוואָרען.

— יא, איך האב דאס געהערט.

— דער יונגער מאן וואס האט זיא גערעטעט, האט די איינמאל [illegible]פען דעם פריסטער פירא, און האט איהם עפּעס א זאג געטאָהן אין אויער און באלד איז פירא אנטלאָפען געוואָרען. אונזער רעטער האט אונז פערזיכערט, אז מעהר וועט דער גלח ניט וואגען אהער צו קומען.

— וויא הייסט אייער רעטער?

— פערדינאנד דע מעדיס.

— דיעזער נאמען איז מיר אונבעקאנט.

— דער יונגער מאן איז אנ'אָפיציער.

— אין וועלכען רעגימענט דיענט ער?

— דאס וויים איך ניט.

— דער פריסטער פירא דע קראן, זאָל אנטלויפען פאר א יונגען אָפיציער'ל, דאס איז ניט אומזאָנסט — האט סאם געזאגט. איך בין זעהר נייגיעריג דעם יונגען אָפיציר צו זעהען און מיט איהם צו ריידען.

— איהר קענט איהם דאָ יעדען טאָג טרעפען.

— ער קומט יעדען טאָג צו אייך?

— יא.

— וואס טהוט ער דאָ יעדען טאָג?

— ער איז מיט אונז זעהר בעפריינדעט געוואָרען, מאכט ער אונז טעגליכע בעזוכע.

— דאס איז ווידער ניט אומזאָנסט. אנ'אָפיציער זאָל צייט האבען יעדען טאָג מאכען בעזוכע, דאס איז א וואונדער. קורץ און גוט, איך מוז דעם אָפיציער זעהען.

„איך ליעב דיך ציון!" האט אין דער מינוט דער פאפוגייא פון צווייטען צימער א געשרייא געטאָהן.

— מיזא! — האט סאם האסטיג געזאגט — וואס פאר א פאפוגייא זינגט דאס אין דיין הויז?

— דאס איז מיין דיאנא'ס פאפוגייא.

— וואו האט זיא איהם גענומען?

— זיא האט איהם מיט א פּאאר טעג צוריק געקויפט.

— פון וועמען?

— פון א יעגער.

— איך וויל דעם פאפוגייא זעהן.

— ווארום ?

— פרעג ניט, ברענג איהם דיא מינוט אריין אהער.

— גוט, איך וועל איהם אריינברענגען, ער שטעהט בייא מיין דיאנא'ן אין צימער.

ער איז אוועק נעגאנגען, און איז באלד צוריק געקומען מיט דיאנא'ן און מיט דעם שטייגעלע, אין וועלכען דער פאפוגייא איז געשטאנען.

— מיין דיאנא שלאפט נאך ניט — האט מיזא געזאגט — דארום האט זיא אליין איהר ליעבלינג אריינגעטראגען.

דיאנא האט זיך דעמיטהיג פערנייגט פאר דעם עהרענווירדיגען גרייז סאם.

— דאס איז ער! — האט סאם אויסגערופען — זאג נור, מיין קינד, בייא וועמען האסט דוא דעם פאגעל געקויפט ?

— בייא א יעגער, א פאגעל־הענדלער.

— ווען ?

— מיט דרייא טעג צוריק.

— איך פערשטעה גאר ניט וואס דא טהוט זיך — האט סאם אויסער זיך פאר ערשטוינען געזאגט — ערשט מיט פיער טעג צוריק האב איך דעם פאפוגייא אוועק געשענקט דעם גראס־אינקוויזיטאר. וואר־זשע האט איהם יענער דער־טאפט ?

מיזא און דיאנא האבען זיך זעהר פערוואונדערט.

— פיעללייכט האט איהר אנ'אירטהום ? — האט מיזא געזאגט — דאס איז אפשר אנ'אנדער פאפוגייא.

— ניין, דאס איז מיינער. איך וועל אייך באלד איבערצייגען, אז ער איז מיינער.

ער האט אויפגעעפענט דיא שטייגעלע און האט געזאגט, קום אהער, סאלים.

דער פאפוגייא איז מונטער ארוים געפלויגען, און האט זיך געזעצט אויף סאם'ס אקסעל. מיט זיין שנאבעל האט ער בעריהרט סאם'ס געזיכט, וויא ער זאל איהם קושען.

— איהר זעהט שוין דאס איך האב קיין אירטהום ? — האט סאם געזאגט — דא שטעקט א טיעפע געהיימניס, א רעטהזעל.

— איך פערשטעה וואס דאָ איז — האט זיך דיאנא אָנגערופען — פער־דינאנד האט גלייך געזאגט, אז דער יענער מוז זיין א גנב. איך האב איהם אָבער ניט געגלויבט. יעצט זעה איך, אז ער האט רעכט. עס איז קיין צווייפעל, אז דער פאָגעל־הענדלער איז ווירקליך א גנב, און ער האט דעם פאפונייא גע׳גנב׳עט ביי דעם גראָס־אינקוויזיטאָר.

סאם האט זיך פערטראכט.

— איך וועל מאָרגען א בעזוך אָבשטאטען דעם גראָס־אינקוויזיטאָר — האט ער ענדליך געזאגט — איך מוז ערפאהרען דיא געהיימניס וואס דאָ שטעקט. דאס הערץ פראָפעצייהעט מיר עטוואס גרויזאמעס, שרעקליכעס...

יא.

א סקאַנדאַל.

— יאָזע וויל הייראטהען דיא טאָכטער פון א מאראן? דאס דאַרף ניט זיין און וועט ניט זיין!

דיעזע ווערטער האט דאנעל פאָן לערמא, אין איין שטונדע געוויסע צעהן מאָל איבערגערעדט.

ער איז נאך פעטרוס׳עס אוועק געהען, וויא ווילד ארומגעפלויגען איבער זיין צימער.

ער האט אן אלע זיינע געשעפטע פערגעסען און האט נור אין זינען געהאט דיא שרעקליכע זאך.

ער האט מיט דער גרעסטער אונגעדולד ערווארטעט זיין זאָהן, ער זאָל איהם קענען צו רעדע שטעלען.

דיא אַלטע מאריא איז אריינגעקומען און האט איהם געבעטען, ער זאָל געהן צום טיש, דען עס איז שוין מיטאג־צייט.

— איך בין ניט הונגעריג! — האט דער מיניסטער בעז געענטפערט.

דיא אַלטע מאריא האט פערשטאנען, אז ער איז זעהר אויפגערעגט, אז דאָ האט עטוואס אונגעוועהנליכעס געמוזט פאסירען.

וויא א צערטליכע מוטער האט זיא בעטראכט איהר צעגלינג, און צוגעהענד צו איהם, האט זיא געזאגט: „דאנעל, מיין קינד, דוא וועסט אויף מיר ניט בייז זיין.“

— אויף דיר בייז זיין? — האט ער געענטפערט — ווארום דען זאל איך אויף דיר בייז זיין.

— איך וויל דיך עטוואס פרעגען.

— נו, פרעג.

— איך ערקען אן דיר, אז דא האט עטוואס שרעקליכעס פאסירט. איך בין זעהר אונרוהיג.

— האב קיין פורכט, מוטער, דא האט בעהיטע גאט קיין אונגליק פאסירט, נור עטוואס אונאנגענעהמעס, וועלכעס איך האף גאנץ ניך צו בעזייטיגען.

— בעלאנגט דאס אונזער פאמיליע?

— יא.

— אונזער פאמיליע? — האט זיא ערשראקען אויסגערופען — דאנעל, מיין קינד, איך וויל וויסען אלעס. טהו דאך מיר דיא געפעלליגקייט און ערצעהל מיר וואס דא האט געטראפען.

— גוט! איך וועל דיר ערצעהלען. דוא ווייסט דאך, וויא איך האב אימער שטאלצירט מיט מיין יאזע׳ן. איך האב געדענקט, דאס ער וועט מיט דער צייט, איינער פון דיא גרעסטע מענער אין דער וועלט ווערען, און דער גרעסטער קעניג וועט זיך גליקליך שעטצען, ווען יאזע וועט זיין טאכטער הייראטהען.

— יא, דאס אלעס וויס איך — האט דיא אלטע געענטפערט, און איך האף, אז אזוי וועט ווירקליך זיין.

— האף, האף! — האט דאנעל מיט א ניפטיגען טאן געזאגט — פון אונזער האפנונג, האט זיך אויסגעלאזט א רויך.

— ווארום דען?

— ווייל יאזע איז דער גרעסטער דומקאפ אין דער וועלט. דוא הערסט? ער איז דער גרעסטער עזעל. ער האט שוין פאר זיך אויסגעקליעבען א כלה, און ווייסט דוא וועמעס טאכטער? דיא טאכטער פון א פערפלוכטען מאראן.

— הימעל! וואס הער איך? — האט דיא אלטע ערשראקען אויסגע-רופען.

— א יא דוא האסט זיך ערשראקען? — האט דאנעל געזאגט — נו, שטעל זיך פאר, וויא איך בין ערציטערט געווארען, אלס איך האב דאס ערהערט. דער יונגע וויל מיין עהרע פערשמוטצען און זיך זעלבסט מיט שטויב בעדעקען. אבער דאס וועט איהם ניט געלינגען, איך האב גענוג קראפט אזא פעררישטהייט פון זיין דומען קאפ ארויסצוזיאגען.

— יאָזע זאָל אזא דומהייט בענעהן, דאס וואָלט איך קיינמאל גענלויבט — האט מאריא געזאגט — ווייסט דוא געוויס, דאס ער איז בעשלאָסען זאָ צו טאָהן ?

— יא, איך ווייס דאס פון דער זיכערסטער קוועלע.

— נו, זייא־זשע ניט אזוי בייז, דאנעל. פערגעס ניט, אז יאזע איז נאך א יונגער מאן, און דיא יונגע לייט ווערען זעהר שנעל פערבלענדעט פון דעם גלאנץ פון א שעהן מעדכען. אָבער איך גלויב, דאס דיר וועט לייכט געליגגען יאָזען דיא אויגען צו עפענען, ער זאָל זעהן, אז ער וויל קריכען אין פייער. ער איז דאָך זעהר קלוג און איז דיר אימער געהאָרזאם געוועזן. דוא וועסט זעהן, אז ער וועט דיר אויך יעצט געהאָרזאם זיין, און וועט דעם מאראנ׳ס טאָכטער מעהר אין זינען ניט האבען.

אין דער מינוט, האט זיך ערהערט יאָזעס שטימע פון ערשטען צימער.

— ער איז שוין דאָ! — האט דער מיניסטער געזאגט — געה אוועק פון דאנען, מוטער, איך מוז מיט איהם אונטער פיער אויגען שפרעכען. שיק איהם אריין אהער און רייד מיט איהם גאר ניט וועגען דעם.

— גוט, איך געה. אָבער איך בעט דיך, דאנעל, אָהן כעס. ערקלער איהם מיט גוטען זיין פעהלער, און דוא וועסט זעהן, וויא דאס וועט בעסער ווירקען, אלס דיא שטרענגסטע ווארטען.

— גוט, גוט. איך ווייס שוין וואס איך האב צו טאָהן.

מאריא איז ארויס געגאנגען.

אין א פאאר מינוטען ארום, איז יאָזע אריינגעקומען זעהר מונטער און פרעהליך.

— דוא האסט מיך גערופען, פאטער ? — האט יאָזע געפרעגט.

— יא, יאָזע. זעטץ זיך, איך וויל מיט דיר רעדען וועגען זעהר א וויכטיגע אך.

יאָזע האט מיט פארשענדרע בליקען דעם פאטערס געזיכט בעטראכט און האט באלד פערשטאנען, אז דאָ איז עטוואס אונגעוועהנליכעס.

ער האט זיך געזעטצט געגען דעם מיניסטער.

— יאָזע! — האט דאנעל געזאגט, און האט זיך בעמיהעט זאָנסט אין גוט־מיטהיג צו רעדען. איך האב פאר דיר זעהר גוטע וויכטיגע נייעס.

— איך בין נייגיעריג זייא צו הערען, פאטער.

— איך האב ערפאהרען פון א זיכערע קוועלע, דאס דער איטאליענישער קעניג, וועלכער האט מיך געזעהען בייא דיא לעצטע מאנעוורען, וויל דיך פאר זיין שוויענערזאהן האבען. ער וויל דוא זאלסט זיינע טאכטער הייראטהען.

יאזע האט געשוויעגען.

— נו, דוא פרעהסט זיך גאר ניט מיט דער נאכריכט, יאזע? האט דער מיניסטער געפרעגט, אנשטרענגענד זיינע בליקען אויף דעם יונגען מאן.

— ניין, פאטער, מיך פרעהט דאס גאר ניט — האט יאזע געענטפערט — איך מוז דיר דיא וואהרהייט זאגען, דאס איך וועל צו אזא פארטיע ניט איינ־ווילינגען.

— ווארום? — האט דאנעל בעז געפרעגט.

— דערפאר וואס איך וויל ניט האבען אזא פרוי, וואס זאל אימער דענקען, אז זיא האט מיר ערצייגט א גרויסע גנאדע, דאמיט וואס זיא האט מיך געהייראט־העט. זיא איז א פרינצעסין און איך בין בלויז דער זאהן פון א מיניסטער. אזא בונד קען זיך לאנג ניט האלטען.

— וועמען דען ווילסט דוא הייראטהען?

— מיינס א גלייכען.

— דאס הייסט, דיא טאכטער פון א מיניסטער?

— ניט גראדע דיא טאכטער פון א מיניסטער. איך וועל זיין צופריעדען, ווען מיינע ברויטס פאטער וועט זיין אנ׳איינפאכער אנשטענדיגער עהרליכער מאן.

דער מיניסטער האט אנגעפאנגען אונרוהיג צו ווערען.

— האסט דוא שוין פיעללייכט אויסגעפונען אזא עהרליכען איינפאכען מאן, וואס וויל דיך בעגליקען מיט זיין טאכטער׳ס האנד? — האט דאנעל שפאטיש געפרעגט.

— ווען איך וועל אזא פארטיע אויסגעפינען, וועל איך געוויס דיר, פאטער, דערפון מעלדען.

— וויא איך ערקען אן דיר, האסט דוא אזא פארטיע שוין אויסגעפונען און דאך געפינסט דוא ניט פאר נעטהיג מיר דערפון צו מעלדען.

יאזע איז בלאס געווארען און האט גאר ניט געענטפערט.

— איך האב געטראפען, יאזע? — האט דאנעל מיט אנ׳איינגעהאלטענעם כעס געזאגט.

— לאזען מיר פון דעם יעצט ניט ריידען, פאטער — האט זיך דער יונגער מאן געבעטען.

— ניט ריידען פון דעם? — האט דער מיניסטער וויטהענד אויסגערופען — איך זאָל ניט ריידען, פיהלענדיג, דאס דוא ווילסט מיך מיט שמוטץ בע־ווארפען.

— אום גאָטעס ווילען, פאטער! וואס רעדסט דוא? דענקסט דוא, דאס איך וויל דיין עהרע פערשמוטצען?

— ניט איך דענק, איך בין אין דעם איבערציינט — האט דאנעל געדאָ־נערט — מיין ניט, דאס איך ווייס פון קיין זאך, איך ווייס אלעס. זאָג דיא וואהרהייט, קומסט דוא אָפט אריין צו א געוויסען מיזא דע פעררייראַ.

— יא.

— וואס טהוסט דוא דאָרטען?

— איך בין מיט דער פאמיליע בעפריינדעט געוואָרען דורך א צופאל, און איך האב גרויס פערגעניגען מיט זייא צו פערברענגען.

— ניט מיט ז י י א, נור מיט א י ה ר ווילסט דוא זאגען. מיט מיזא'ס טאָכטער.

— איך לייקנע מיך ניט, פאטער, איך האב ווירקליך פערגעניגען מיט איהר צו פערברענגען, ווייל זיא איז א זעלטען קינד.

— און זיא איז דיר אזוי ווייט געפעלען, דאס דוא ווילסט זיא הייראטהען, ניט וואהר?

— אויך דאס, וועל איך פון דיר, פאטער, ניט פערלייקנען, איך ליעב דאס מעדכען זעהר, איך וויל זיא הייראטהען, ליידער אָבער וויל זיא דאצו ניט איינ־ווילינגען.

— וואס? זיא, דעם מאראנס טאָכטער, האט דיא פרעכהייט, דעם מיניסטער לערמא'ס זאָהן צו ענטזאגען, ווען ער בעט אום איהר האנד?

— דאס איז דער בעסטער בעוויז, אז זיא איז קיין לייכטזיניגעס מעדכען. זיא וויל זיך פריהער גוט בערעכענען, צו זאָל זיא אזא שרים מאכען. עס קען זיי[n] אז דיא אורזאכע פון איהר וויינערן מיינע פרוי צו זיין, איז דיא זעלבע אוי[…] וואס צווינגט מיך זיך צו וויינערן דער איטאליענישער פרינצעסין צו הייראטהען, זיא וויל ניט, איהר מאן זאָל אימער דענקען, אז ער שטעהט העכער פון איהר.

— און ווען זיא ווערט דיר דיא גנאדע ערצייגען און ווערט דיך מיט איהר האנד בעגליקען, ווערסט דוא זיא אָננעהמען?

— מיט דער גרעסטער פריידע.

— שורקע! — האט דאנעל ווילד אויסגערופען — דוא וואגסט מיין נאמען א מאראנס טאָכטער צו שענקען?

יאָזע איז ערציטערט געוואָרען. ער האט נאך זיין פאטער זאָ אויפגערעגט ניט געזעהן.

— ניעמאלס! — האט דאנעל געשריען — ניעמאלס וועל איך דיר אזא זאך ערלויבען, און ווען דוא ווילסט דורכאויס דעם מאראנס טאָכטער הייראטען, זאָלסט דוא דעם נאמען לערמא פון זיך ארונטער נעהמען.

— איך בין צופריעדען — האט יאָזע געענטפערט.

— וואס ביזט דוא צופריעדען?

— דיין בעפעהל צו ערפילען. איך וועל מעהר ניט הייסען לערמא, אנ'אנדער נאמען וועל איך פאר זיך אויסגעפינען.

— וויא? בייא דיר איז רעכט דיין פאטער'ס נאמען פון זיך ארונטער צו ווארפען, צוליעב א מאראנ'ס טאָכטער? — האט דאנעל אויסער זיך פאר צאָרן געשריען — אויב אזוי, וועל איך פון זיך דיין לאסט אין גאנצען ארונטער ווארפען. מיין שווערד זאָל דיין ברוסט לעבערן.

ער האט אראָפּגעכאַפּט זיין שווערד פון דער וואנד, און האט זיך געוואָלט א ווארף טאָהן צו זיין זאָהן.

אָבער דיא טהיר האט זיך האַסטיג געעפענט, דיא אלטע מאריא איז צווישען זייא ביידען אריינגעשפרונגען און האט געזאגט: „בעפאָר דוא וועסט איהם טויטען, מוזט דוא פריהער מיין ברוסט לעבערן.

דער מיניסטער איז אָבהענגדיג געוואָרען, דער שווערד איז פון זיינע הענד ארויסגעפאלען און ער האט זיך א וואָרף געטאָהן אויף א שטוהל אין דער גרעסטער פערצווייפלונג.

יב.

עטוואס דערשמעקט.

— בעסער אלס געוואונשען, אייער הייליגקייט! — האט פירא דע קראן לוסטיג אויסגערופען, אריינקומענדיג צום גראָס־אינקוויזיטאָר אין צימער — איהר וועט אליין זאגען, אז איך בין א קינסטלער.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר האט מיט דער גרעסטער אונגעדולד אָנגעקוקט דעם שפּיאָן און האט געזאגט:

— רייד דייטליך, וואס פאר גוטע נייעס דוא האסט מיר געבראַכט.

— זיא איז שוין וויא אין אייערע הענד.

— דיאנאַ'ן מיינסט דוא?

— וועמען דען אנדערש זאָל איך מיינען.

— זיא, זאגסט דוא, איז שוין וויא בייא מיר אין דיא הענד?

— יא, אייער הייליגקייט. איך האב אויסגעפונען אזא מיטעל, וואס וועט זיא ברענגען גאר אָהן מיהע, אין וועלכען מאנאסטיר איהר ווילט.

— לאָז הערען וואס דאס איז פאר א מיטעל.

— איך האב ערפאהרען, דאס זיא האט דאָ אין מאדריד איינע פריינדין, וועלכע זיא בעזוכט איינמאל יעדע וואָכע. זיא פאָהרט צו איהר אין איהר גראָס־פאטער'ס צוגעמאכטען עקיפּאַזש. דער עקיפּאַזש ווארט ביז זיא געהט ארויס צוריק, דאן פיהרט ער זיא צוריק אָב אהיים. איהר פערשטעהט, הייליגקייט, וואס דאס בעדייט?

— ניין, איך פערשטעה נאך גאר ניט.

— דאס איז מיר שוין א וואונדער, איהר זאָלט ניט פערשטעהען וואס איך קען דאָ אויפטאָהן.

— נענוג צו ריידען האלבע ווערטער. רייד דייטליך וואס דענקסט דוא דאָ צו טאָהן?

— איך וועל דאס אייך ערקלערען. ווען דער עקיפּאַזש וועט שטעהען פאר איהר פריינדינס טהיר, און וועט ווארטען ביז זיא וועט ארויסגעהן, וועט צוגעהען אונזערער א מענש און וועט זיך זאָלאַנג טשעפּען צום קוטשער, ביז עס וועט צווישען זייא אויסברעכען א סקאנדאל. דאן וועט אונזערער א בעקאנטער פּאָליציייא בעאמטער שלעפּען דעם פורמאן נאך דער פּאָליציייא. דער עקיפּאַזש וועט בלייבען אָהן א פוהרמאן און איך אָדער איינער פון אונזערע געטרייע לייט, וועט בעטרעטען דעם פוהרמאנס שטעלע. דיאנא וועט געוויס ניט בעמערקען, אז אנ'אנדער פוהר־מאן זיטצט אויף דעם פּלאַטץ פון דעם ערשטען. זיא וועט זיך אריינזעטצען אין דעם עקיפּאַזש און מען וועט זיא אוועק פיהרען גלייך נאך דעם מאנאסטיר.

— דער פּלאן איז ניט שלעכט — האט פּעטרוס געזאגט — דאך צווייפעל איך, אויב עס וועט אַזוי גלאַט אָבגעהן וויא דוא מיינסט.

— װאָרום צװײפֿעלט איהר?

— װען עס װעט אױסברעכען א סקאנדאל מיט דעם קוטשער, װעט דאָך װערען א ליארם. דיאנא קען צוגעהען צום פֿענסטער, אום צו זעהען װאס דער ליארם בעדײטעט, דאן װעט זיא זעהן, דאס מען פֿערהאַפֿטעט איהר קוטשער.

— זיא װעט דעם ליארם ניט הערען, װײל איהר פֿרײנדין װאָהנט אױף דעם דריטען שטאָק. ...יז װיא איך האב ערפֿאהרען, קומט דיאנא צו דיזער פֿרײנדין נאָך האלבען טאָג און פֿערבלײבט דאָרט ביז צעהן אוהר אבענדס. דיא נאכט װעט אונז העלפֿען אין אונזער ארבײט. דען בײא נאכט װעט זיא ניט בעמערקען, דאס אנ׳אנדער קוטשער זיצט אױף דעם אָרט פֿון דעם ערשטען. מיר װעלען זיך אױך בעמיהען דיא זאך זאָל איבערגעהן אָהן ליארם, און אונז װעט דאס געלינגען, װײל אלע מענשען װאס װעלען דאבײא ארבײטען, װעלען דורכאוס זײן אונזערע.

— זאָג מיר נור, װער איז דיא פֿרײנדין?

— זיא איז אױך א טאָכטער פֿון א זײדענ־הענדלער. זיא איז מיט דיאנא׳ן אין אײן שולע געגאנגען, און דיא בײדע מעדכענס ליעבען זיך װיא צװײא געטרײע שװעסטער.

— װאו װאָהנט זיא?

— אין קאלא דע פֿעלמאנט.

— איך װעל זעהר צופֿריעדען זײן, װען דיר װעט דאס געלינגען. דוא זאָלסט אָבער ניט פֿערגעסען, פֿירא, אז דאס מוז אָבגעארבײט װערען אזױ שטיל, דאס קײן מענש אױסער דיא װאס װעלען דאבײא ארבײטען, זאָל דאס ניט ערפֿאהרען, דען װען בעהיטע גאָטט, דאס װעט אָנקומען צו יאָזע פֿאָן לערמא׳ס אױערן, זײנען מיר אלע פֿערלאָרען.

— איך װײס, איך װײס, אײער הײליגקײט. איך גאראנטיר אײך, דאס זאָגאר דער טײפֿעל אלײן װעט פֿון אונזער ארבײט ניט ערפֿאהרען. איהר מוזט מיר אָבער געבען א קװיטעלע צו אײנעם פֿון אײערע בעקאנטע פּאָליציײא בעאמטע, ער זאָל טאָהן װיא איך װעל איהם הײסען.

— זעהר גוט, איך װעל דיר געבען א קװיטעלע צו מאזאן דע װאלעריע. ער איז דער פּאָליצײא־אינספּעקטאָר פֿון יענעם קװארטאל, װאו דיא קאלא דע פֿעלמאנט בעפֿינדעט זיך. ער איז אײנער פֿון מײנע געטרײעסטע פֿערטרױטעסטע אנהענגער.

— בראװאָ! אױסגעצײכענט.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר האט זיך געזעטצט און האט אָנגעפאַנגען דיעזען בריעף צו שרייבען:

ליעבער מאַזאַן!

דוא וועסט זיך געוויס ניט ענטזאַגען צו העלפען אונזער פריינד, פּירא דע קראַן, אויסצופיהרען א וויכטיגע נאָטהווענדיגע אַרבייט....

דער גראָס־אינקוויזיטאָר האט אויפגעהערט צו שרייבען, דען זיין בעדיענטער איז אריינגעקומען און האט געמעלדעט, דאס דער האָף־פּרעדיגער סאַם דע פּינטאַ, איז געקומען.

— פּירא! — האט פּעטרוס געזאגט — געה אריין אין צווייטען צימער, סאַם דע פּינטאַ, זאָל דיך ניט טרעפען. ער איז זעהר קלוג און ער קען זיך שטויסען, אז דאָ האנדעלט זיך אום עטוואס ניט עהרליכעס...... געשווינד, פּערלאָז דאס צימער.

פּירא איז אריינגעלאָפען אין צווייטען צימער און האט זאָגאר אין איילעניש פערגעסען מיטצונעהמען זיין הוט, וועלכע ער האט אויפגעהאַנגען אויף איינעם פון דיא טשוועקעס נעבען טהיר.

אלס סעם דע פּינטא איז אריינגעקומען, האט ער געטראָפען דעם גראָס־אינקוויזיטאָר פערטיעפט איבער א בוך.

פּעטרוס איז אויפגעשטאַנען און האט דעם האָף־פּרעדיגער פריינדליך עמפּפאַנגען.

— איך וואר הייטע בייא דעם קעניג — האט סאַם דע פּינטא געזאגט — האט ער מיר בעפאָהלען איך זאָל מיך מיט אייך זעהן און זאָל פון אייך ערפאַהרען, אויב דאס איז וואהר, וואס מען ערצעהלט, דאס רויבער האבען בערויבט דעם קלייסטער סט. פּעטער.

— דאס איז וואהר — האט פּעטרוס געענטפער'ט — אָבער דער שאדען איז ניט גרויס.

— און מען האט נאך דיא רויבער ניט דערטאַפּט?

— ניין.

— איז פון זייא זאָגאר קיין שפּור געבליעבען?

— איך האב דאס געמעלדעט דער פּאָליצייא און געוויס טהוען דיא פּאָליצייא בעאמטע אַלעס וואס מען ברויכט בייא אזא זאך צו טאָהן.

— נאך א זאך — האט סאַם דע פּינטא געזאגט — דיא גנעדיגע קעניגין,

האט מיך געבעטען, איך זאָל בייא אייך נעהמען פון איהרטוועגען דעם קרייץ, וואס איהר האט איהרע מייסטעט פערשפּראָכען.

— זעהר שעהן, איך האב שוין זעלבסט געדאכט, דעם קרייץ איהרע מייסטעט אוועקצוטראָגען.

— וואס איז דאס פאר א קרייץ?

— דאס איז דער קרייץ, וואס דער פּאַפּסט האט מיר צוגעשיקט פון ראָם. מען האט איהם געפונען אין איינעם פון דיא אפּאסטאָלישע קברים אין ירושלים. איך האב דער קעניגין פערשפּראָכען דיעזען היילינגען קרייץ צו שענקען.

— וועט איהר מיר איהם יעצט געבען?

— יא, זיטצט איינינע מינוטען דאָ, איך וועל געהען איהם אריינ־טראָגען.

ער איז ארויסגעגאנגען, און האט דאָ איבערגעלאָזט סאם דע פּינטא אליין.

דער האף־פּרעדיגער האט בעמערקט אויף דעם שרייב־טיש פון דעם גראַס־אינקוויזיטאָר א בריעף פערדעקט מיט א בוך. ער איז נייגיעריג געוואָרען צו וויסען וואס דאס איז פאר א בריעף, פיעללייכט האנדעלט זיך דאָ וועגען איינעם פון דיא געהיימע יודען.

ער איז דארום שנעל צוגעלאָפען צום טיש, האט אויפגעהויבען דאס בוך, און האט איבערגעלעזען דיא פּאאר צייליען, וואס פּעטרוס האט אָנגעשריעבען צום פּאָליציייא בעאַמטען מאזאן.

— דאָ מוז זיין זעהר א וויכטיגע זאַך — האט ער זיך געקלערט — אין יענעם קווארטאל וואו מאזאן וואלטעט, בעפינדען זיך פיעלע געהיימע יודען און וויא באַלד פּירא דע קראַן שטעקט דאָ אין מיטען, מוז זיך דאָ געווים האנדלען וועגען איינעם פון יענע געהיימע יודען.

ער האט זיך צוריק אויף זיין אָרט געזעטצט און עס וואר אונמעגליך צו בע־מערקען, דאס ער האט זיך פון דייזען אָרט געריהרט.

באַלד איז אריינגעקומען פּעטרוס מיט א קליין קעסטעלע, אין וועלכען איין אַלטער פערראָסטעטער זילבערנער קרייץ איז געלעגען.

— גיט דאס איבער איהרע מייסטעט, דער קעניגין — האט ער געזאגט צו דעם האף פּרעדיגער — איך האף, דאס דיעזער קרייץ, וועט זיא פון אַלע אונגליקען פערהיטען.

— אָמן — האט סאם געענטפערט — יעטצט מיין פריינד, וועל איך אייך פרעגען, וואס מאכט בייא אייך מיין ליעבער פאפוגייא ?

— אָ, ער איז פראכט־פאָגעל. ער פערשאפט מיר פיעלע פערגעניגען — האט דער גראַס־אינקוויזיטאָר געענטפערט.

— האט ער נאך ניט פערגעסען דיא פראַזען, וואס איך האב איהם אויס־געלערענט ?

— ניין ! ער ווידערהאָלט זייא אונצעהליגע מאל דורך דעם טאָג און דורך דער נאכט.

— וועט איהר מיר ערלויבען דעם אלטען פריינד צו זעהען ?

פעטרוס איז פערווירט געוואָרען.

— ליידער איז דאס מיר אונמעגליך — האט ער געשטאמעלט — ער איז אין מיין שלאָפצימער, און דער בעדיענטער האט דאס צימער פערשלאָסען און איז מיט דעם שליסעל אוועק געגאנגען.

— נו, אויב עס איז אונמעגליך, וועל איך דאס ווידערזעהן מיט מיין ליעב־לינג אָבלייגען אויף אַנ׳אנדער צייט. דערווייל אדיע.

ער איז אויפגעשטאנען, האט גערייכט פעטרוס׳ן דיא האנד, און אויס פער־ווירונג דורך דער רעטהזעל פון דעם פאפוגייא, האט ער אָנגעטאָהן פירא דע קראנ׳ס הוט, אנשטאט זיינע, און איז מיט איהר אוועק געגאנגען.

דיא היטלען פון דיא גלחים, זיינען צו יענער צייט געמאכט געוואָרען אין איין פאָרם. דארום איז קיין וואונדער וואס סאם האט זיך ניט ארומגעזעהען דעם אירר־טהום, וואס ער האט געמאכט.

אַלס ער איז אוועק געגאנגען, איז פירא דע קראן אריינגעקומען אין דעם גראָס־אינקוויזיטאָרס צימער.

פעטרוס האט זיין בריעף געענדיגט, און האט איהם איבערגעגעבען פירא׳ן.

— זיא איז שוין וויא אין אייערע הענד — האט פירא נאך אמאל פער־זיכערט, בעפאָר ער איז פון פעטרוס׳עס הויז ארויס געגאנגען.

ער האט אָנגעטאָהן סאם דע פינא׳ס הוט, ניט בעמערקענדיג, אז דאס איז ניט זיינע.

דאס קנעפעלע וואס וואר איינגענעהט אין דעם הוט, אַלס צייכען פאר דיא געהיימע יודען, אז דיא הוט טראָגט א יוד, וואר זאָ קליין און אונבעדייטענד, דאס

מען האט ניט געקענט בעמערקען, אז ער איז דא איינגענעהט געווארען אלס א געוויסער צייכען.

יג.

פערפיהרט.

פירא דע קראן האט קיין אירטהום געהאט.

ער האט א ריכטיגע זאך ערפאהרען.

דיאנא האט אין מאדריד געהאט איינע פריינדין, צו וועלכע זיא וואר צוגעבונדען מיט לייב און זעעלע.

דאס וואר ראזעלא, דיא טאכטער פון דעם זיידען־הענדלער, לואי דע קאנוס, וועלכער וואר פיעלע יאהר מיזא'ס א שותף אין דעם זיידען־געשעפט.

מיזא און לואי, האבען צעהן יאהר אין איין הויז געוואהנט, און דיא ביידע מעדכענס, דיאנא און ראזעלא, האבען זיך פאסט צוזאמען ערצאגען, דארום זיינען זייא איינע צו דער אנדערער צוגעבונדען געווארען וויא צווייא געטרייע שוועסטער.

זייער פריינדשאפט האט ניט אויפגעהערט אויך דאן, ווען דיא שותפים האבען זיך צוטהיילט און האבען זיך אויך מיט זייערע וואהנונגען איינער פון צווייטען ערווייטערט.

דיאנא מיט ראזעלא'ן, האבען זיך צווייא מאל אין יעדע וואכע געמוזט זעהען.

זאנטאג פלעגט ראזעלא בעזוכען דיאנא'ן, און מיטוואך האט דיאנא אבגעשטאטעט א בעזוך ראזעלא'ן.

דיא בעזוכע זיינען זא אבגעהיט געווארען, וויא זייא זאלען זיין דיא נאטהווענדיגסטע זאכען.

דאס האט פירא דע קראן, דערשמעקט און האט זיך בעשלאסען פון דיא בעזוכע נוטצען צו ציהען.

צום ערשטען מאל, זייט זעכס יאהר, האט אונזער דיאנא פערפעהלט איהר פריינדין, איהר מיטוואכדיגען בעזוך אבצושטאטען.

דאס איז געוועזן צוליעב יאזע'ן, וועלכער האט איהר פערשפראכען מיטוואך צו קומען.

זיא זאל פערפעהלען ראזעלא'ן צו בעזוכען, דאס איז געוועזן דער גרעסטער וואונדער.

עס זיינען געווען מיטוואָך'ן וואס מען האט אין דער גאס ניט געקענט ארויס־געהען, ווייל עס האט גערעגענט אָדער געשנעעט פירכטערליך, און דאָך האט דאס דיאנא'ן ניט אָבגעהאלטען פון איהר בעזוך ביי ראזעלא'ן.

און יעצט איז געווען פריהלינג אין דרויסען, אלע מענשען וואס האבען נור צייט געהאט צו שפאציערען, זיינען אין דער פרישער לופט געפאָהרען און געגאנגען. נור דיאנא איז צו הויז געבליעבען, וועהרענד זיא האט געהאט אזא נאָטהווענדיגען בעזוך.

זיא האט צום ערשטען מאל אין איהר לעבען געגאַרט איהרע עלטערען, דאמיט, וואס זיא האט זייא געזאגט, דאס זיא פיהלט זיך אונוואָהל, דארום קען זיא צו איהר פריינדין ניט פאָהרען.

ער דארף קומען. פערדינאנד דארף הייטע זיין, און דיא יונגענד פריינדין איז געבליעבען אין הינטער־גרונד.

וואס פאר א ווערט האבען טויזענד בעסטע פריינדינס געגען איין הערצענס־געליעבטען.

און ער האט געהאלטען ווארט.

ער איז געקומען.

דאס וואר אויף מאָרגען, נאך דעם סקאנדאל וואס איז געווען צווישען איהם און זיין פאטער.

ער האט אויסגעזעהן טרויעריג, מוטהלאָז, אלס ער איז צו מיזא'ן אין שטוב געקומען.

אָבער באלד וויא ער האט אָנגעפאנגען צו ריידען מיט דיאנא'ן, איז יעדע שפור פון אונמוטה פון זיין געזיכט פערשוואונדען, ער האט פערגעסען אלעס, ער איז געווען וויא בעטרונקען פון גליק.

זיא, דיא הערליכע דיאנא, איז געבען איהם געזעסען, זיא האט אויף איהם געקוקט מיט איהרע הימעל־בלויע אויגען זאָ ליעבליך, זאָ פריינדליך. זיא האט צו איהם גערעדט מיט אזא הערצליכקייט, מיט אזא זיסקייט, דאס איהם האט אויס־געוויזען, אז ער איז ווייט, ווייט פון אלע מענשען. ווייט פון דער נארישער וועלט, וואס דער אונטערשיעד צווישען מענש און מענש, שפיעלט אזא גרויסע ראָלע אין איהר.

און דער בעשלוס דיעזען שאַטץ צו געווינען, האט זיך אין איהם בעפעסטיגט און בעקרעפטיגט.

ווען מען זאָל איהם געווען א קעניגליכען טראָהן, א קייזערליכע קראָנע פאַר־שלאָגען, מיט דעם בעדינג, ער זאָל זיך פון דיאנא'ן ענטזאגען, וואָלט ער פון דעם ניט געוואָלט הערען.

עפעס האט איהם אויסגעזעהן, אז אָהן איהר איז דיא וועלט קיין וועלט, און דאס לעבען ווערטהלאָז.

דאס מאל האט ער מיט דיאנא'ן ניט גערעדט פון דעם צוקונפט און פון זיין ליעבע צו איהר.

זייא האבען גערעדט וועגען פערשיעדענע זאַכען.

ווארום ער האט מיט איהר יעצט פון ליעבע גערעדט? ווארום דיא אורזאכע, דאס וואס ער האט פערשטאנען, אז דאָ ליעגט א גרויסער שטיין אין וועג, וואס פערהינדערט דיאנא'ן איהם צו הייראטהען.

ער האט זיך דארום בעשלאָסען צו ערפאהרען וואס דאס איז פאר א שטיין, אום איהם קענען פון וועג אָברוימען.

ער האט אין מיזא'ס הויז פערבראכט ביז שפעט אין דער נאכט, און האט דער גאַנצער פאַמיליע אַמוזירט מיט זיינע קלוגע ווערטען און שעהנע אנעק־דאָטען.

ער האט זיך פון זייא פעראבשיידעט מיט דער צערטליכקייט פון א געטרייען זאָהן.

ער האט בעדארפט אויף צעהן טעג אוועקפאָהרען, וועגען זעהר וויכטיגע רע־גיערונגס געשעפטע, און האט פערשפראָכען דער פאַמיליע פערריירא, זייא צו בע־זוכען, באלד וויא ער וועט צוריק קומען.

אכט טעג איהם ניט זעהען.

דאס איז פאר דיאנא'ן געווען אַן'עוויגקייט.

אָבער זיא האט זיך געמוזט מאכען מוטה, דיא לאַנגע צייט געדולדיג אויסצו־ווארטען.

איהר פריינדין ראזעלא, איז אויף מאָרגען געקומען צו פליהען, זעהר ער־שראָקען, פון דעם וואס דיאנא האט זיא געסטערן ניט בעזוכט.

דיאנא האט זיא בערוהיגט און האט איהר פערזיכערט, קינפטיגען מיטוואָך, געוויס צו בעזוכען.

און זיא האט געהאלטען וואָרט.

קינפטיגען מיטוואָך, האט זיא זיך אריינגעזעצט אין איהר פאטערס עקיפאַזש

און איהר געטרייער קוטשער, הירנאם, האט זיא אוועק געפיהרט צו איהר פריינדין.

זיא איז אהין געקומען אום פיער אוהר נאכמיטאג, און האט דארט פער־בראכט ביז צעהן פאר האלבע נאכט.

דער קוטשער הירנאם, איז וויא געוועהנליך געזעסען אויף דער קעלנע דיא גאנצע צייט.

פון שטוב האט מען איהם ארויסגעטראגען עסען און טרינקען, און ער האט מיט אפעטיט פערשלונגען אלעס, וואס מען האט איהם דערלאנגט.

זיטצענדיג אויף איין ארט אזא לאנגע צייט, האט הירנאם אנגעפאנגען צו דרימלען.

אום האלב נאך ניין, אלס ער האט זיך פערזונקען אין א זיסען דרימעל, האט ער דערפיהלט וויא יעמאנד האט איהם בעריהרט.

ער האט דיא אויגען געעפענט און האט דערזעהען, וויא א מאן שלעפט פון זיין האנד דיא בייטש וואס ער האט געהאלטען.

— דוא, וואס ווילסט דוא? — האט דער קוטשער געפרעגט.

אבער דער מענש האט ניט געענטפערט, ער האט פון הירנאם'ס האנד דיא בייטש ארויסגעריסען און איז אנטלאפען געווארען.

דער קוטשער איז ארונטער געשפרונגען פון קעלנע און האט זיך גענומען יאגען נאך דעם רויבער פון זיין בייטש.

דער רויבער איז אין אנ'אנדער גאס ארייננעלאפען, און הירנאם נאך איהם.

ענדליך האט ער דעם רויבער געכאפט און האט געוואלט פון איהם דיא בייטש אבנעהמען.

אבער דער רויבער האט אנשטאט דער בייטש, איהם געגעבען א פאאר פעטש.

עס איז געווארען צווישען זייא א געשלעג.

דער רויבער האט אנגעהויבען צו שרייען געוואלד.

מענשען זיינען צוזאמענגעלאפען זעהען וואס דא האט פאסירט. אויך א פא־ליציסט פון דעם פאליציי־אינספעקטאר מאזאן דע וואלעריע, מיט איינינע סאל־דאטען, זיינען צונעפלויגען.

אויף דעם פאליציסט'ס פראגע, וואס דער ליארם בעדייטעט, האט ד.ר

בייטש־רויבער ערצעהלט, דאס דיעזער מאַן (הירנאם), איז איהם פלוצלינג בע־פאלען און האט איהם מערדעריש געשלאָגען.

הירנאם, דאַגעגען, האט ערצעהלט, וויא דער מאַן האט זיין בייטש גערויבט, און האט איהם צווייא פעטש געגעבען.

דער פאָליציסט האט געהייסען זייאביידען נאָך דער פאָליציייא צו שלעפען, אום דער אינספעקטאָר זאָל ענטשיידען, ווער פון זייא עס האט רעכט.

דער אינספעקטאָר וואר גראָדע ניט צו הויזע, און הירנאם האט געמוזט גאַנצע צווייא שטונדען ווארטען ביז ער איז געקומען.

עס איז שוין געווען האלב נאָך עלף.

אלס דער אינספעקטאָר איז געקומען און האט אויסגעהערט ביידענס טענות, האט ער הירנאם'ן פרייא געלאָזט, און דעם צווייטען האט ער געהייסען פיהרען אין געפענגניס.

אין דער צייט, וואס דאָ האט זיך דיא חתונה אָבגעשפיעלט, איז שוין אויף דער קעלנע געזעסען אַנ'אַנדער קוטשער.

דיאנא איז וויא געוועהנליך, אום צעהן אוהר פון איהר פריינדינס הויז ארויסגעגאַנגען און האט זיך אין דעם עקיפּאַזש ארייננעזעטצט.

דאס טהירל פון דעם עקיפּאַזש האט זיך צוגעמאכט, און דער קוטשער האט א שמיטץ געטאָהן דיא פערד.

אין פערלויף פון דרייא פירטעל שטונדע, איז דער עקיפּאַזש צוגעפאָהרען צו דעם מאנאסטיר סט. ווינצענטא.

דיא טויערן פון מאנאסטיר האבען זיך געעפענט און דער עקיפּאַזש איז אהין ארייננעפאָהרען.

זיטצענדיג אין דעם עקיפּאַזש, האט דיאנא ניט געקענט בעמערקען, אז מען האט זיא ניט אהיים, נור ערגעץ אַנדערש געפיהרט.

זיא האט זיך נור געוואונדערט אויף דעם, וואס דיא רייזע אהיים דויערט הייטע מעהר אלס אלע מאל.

אלס דער עקיפּאַזש איז אין דעם הויף פון מאנאסטיר שטעהען געבליעבען, האט זיך דאס טהירל געעפענט, און דיאנא, מיינענדיג, אז זיא איז נעבען איהר פאטער'ס הויז, איז פון עקיפּאַזש ארויס געגאַנגען.

זיא איז ערציטערט געוואָרען, אלס זיא האט דערזעהן, דאס זיא בעפינדעט זיך אין א פּלאַטץ, וואס איז ארומגערינגעלט מיט הויכע שטיינערנע ווענד.

— וואו בין איך? האט זיא געפרענט דעם מאנאך, וואס איז דאָ גע־שטאַנען.

— צווישען פריינדע — האט דער מאנאך געענטפערט.

— אום גאָטטעס הימעל! וואוהין האט מען מיך געבראכט? האט דאס ערשראָקענע מעדכען געפרענט, ציטערענד בייא אַלע גליעדער.

אָבער אנשטאט אַ׳אַנטוואָרט, זיינען צוגעלאָפען אייניגע מענער און האבען זיא ערגריפען, און ניט קוקענדיג אויף איהרע געשרייען, האבען זייא איהר אין מאָ־נאַסטיר אריינגעטראָגען.

דער עקיפּאַזש איז צוריק פון דעם הויף ארויסגעפאָהרען און איז שנעל וויא א פייל פון באַנען געפלויגען צוריק צו לואי דע סאנוס הויז.

אויף דעם זעלבען אָרט וואו ער איז פריהער געשטאַנען, איז ער אויך יעצט שטעהן געבליעבען. דער קוטשער איז אַרונטער געשפּרונגען פון קעלנע און איז אין דער נאַכט פינסטערניס פערשוואונדען געוואָרען.

אַלס הירנאם איז פון דער פּאָליצייא צוריק געקומען, האט ער דעם עקיפּאַזש געטראָפען אויף דעם זעלבען אָרט, וואו ער האט איהם איבערגעלאָזט.

דענקענדיג דאס דיאנא האט, ניט געפינענדיג איהם אויף דער קעלנע, געוויס געמוזט צוריק אריינגעהען צו איהר פריינדין אום דאָרט צו ווארטען, ביז ער וועט קומען, האט ער אָנגעקלאַפּט אין דער טהיר.

אַלעס מען האט איהם אריינגעלאָזט אין לואיס וואָהנונג און האט געפרענט וואו איז דיאנא, זיינען אַלע אויסער זיך געוואָרען פון שרעק.

הירנאם איז שיער אין אָהנמאכט געפאלען, אַלס ער האט ערהערט, אַז דיאנא האט זייט אנדערטהאַלבען שטונדען דאס הויז פערלאָזען און איז צוריק ניט אריינגעקומען.

אַלע האבען פערשטאַנען, אַז דיאנא׳ן האט דאָ א שרעקליך אונגליק גע־טראָפען.

יד.

אַ ריכטיגע שפּור.

סאם דע פינטא, איז פון דעם גראַס־אינקוויזיטאָרס הויז ארויסגעגאנגען זעהר אונרוהיג.

דאס וואס ער האט דאָ געזעהען און געהערט, האט אויף איהם זעהר אַ שלעכטען איינדרוק געמאַכט.

דיא פאאר ציילען וואס ער האט געלעזען, האבען אויף איהם געמאכט דעם איינדרוק, וויא ער זאָל לעזען א טאָדטעס אורטהייל איבער א געהיימען יודען.

און דאס וואס פעטרוס האט איהם ערצעהלט וועגען דעם פאפוניא, אז ער איז נאך בייא איהם, האט איהם דייטליך געצייגט, דאס דער פאפונייא איז אָנגע־קומען צו מיזא׳ס טאָכטער דורך זעהר א פערדעכטיגען וועג.

ער האט אָבער פאר קיין פאַל געקענט ערקלערען, וואס פאר א געהיימניס דאָ שטעקט.

אומזאָנסט האט ער קלוג געפאָרשט פון אלע זיינע בעקאַנטע פריסטער און פון אלע שפיאָנען. ער האט פון זיין פאָרשען גאר ניט געקענט ערפאהרען.

צום אונגליק האט איהם דער קעניג ארויסגערופען אין זיין זומער וואָהנונג, און ער האט דאָרט געמוזט צעהן טעג פערבלייבען, דאדורך האט ער פערלאָרען דיא מעגליכקייט זיינע נאכפאָרשונגען צו מאכען.

אַלס ער איז צוריק אהיים געקומען, וואר זיין ערשטער גאנג צו מיזא דע פעררייראַ, דאָרט אויסצופאָרשען פון דיאנא׳ן, ווער עס האט איהר דעם פאפונייא פערקויפט.

אַלס ער איז אין מיזא׳ס וואָהנונג אריינגעקומען, האט ער אַ שרעקליכע הערצרייסענדע סצענע געטראָפען.

דיא אַלטע אניטא איז געלעגען טויט קראנק צו בעט. מיזא איז געבען איהר בעט געזעסען און האט אויסגעזעהן מעהר טויט אַלס לעבעדיג.

אויף זיין פראגע, וואס דאס אַלעס בעדייט, איז דער אַלטער מיזא אויף זיין האלז געפאלען, און כליפענדיג וויא א קליין קינד, האט ער געיאמערט: „דיאנא, מיין דיאנא!“

— וואס האט דען פאסירט מיט דיין דיאנא׳ן? — האט סאם ערשראָקען געפרעגט.

מיזא האט אוים גרויסע שמערצען ניט געקענט ענטפערן און מיט גרוים מיהע, האט סאם דע פינטא פון איהם ארויס געפרעסט דיא שרעקליכע נאכריכט, דאס דיאנא איז פערשוואונדען געוואָרען זייט דרייא טעג.

— פערשוואונדען געוואָרען? — האט סאם איבעררעשט אויסגערופען — וויא אזוי? פון וואנען? און ווען?

מיזא האט ענדליך דערצעהלט, וויא זיא איז פערשוואונדען געוואָרען מיטוואך

בייא נאכט, ארויסגעהענדיג פון לואי דע קאנוס הויז, נאך איהר בעזוך בייא זיין טאכטער.

— און וואו איז געוועזען דער קוטשער? — האט סאם געפרעגט.

מיזא האט איהם ערצעהלט, וואס מיט דעם קוטשער האט דאן פאר־ סירט.

סאם האט זיך שטארק פערטראכט.

ער האט זיך דערמאנט, אז דיא שטראסע קאלא דע פעלמאנט, געפינט זיך אין דעם קווארטאל, וואו דער אינספעקטאר מאזאן דע וואלעריע וואלטעט.

דאס וואס דעם קוטשער האט אזא געשיכטע פאסירט, דאס וואס מאזאן דע וואלעריע איז ערשט אין צווייא שטונדע ארום אהיים געקומען, דיא פאאר צייל׳ען, וואס פעטרוס האט צו דעם אינספעקטאר געשריעבען, און דער ליגען וואס דיזער פעטרוס האט איהם געזאגט ווענען דעם פאפוגייא. דאס אלעס צוזאמען, האט דעם קלוגען סאם דע פינטא געגעבען צו פערשטעהן, דאס דיאנא׳ס פערשווינדען, האט מיט דיא אלע זאכען א שטארקען צוזאמענהאנג.

ער האט אבער מיזא׳ן גאר ניט געזאגט, וואס ער ווייס און וואס ער דענקט. ער האט זיך בעשלאסען אליין אינס געהיים נאך דעם שפור צו געהען און אויסגע־ פינען וואו דיאנא בעפינדעט זיך.

— האסט דוא גאר ניט געטאהן אום דיין טאכטער אויסצוגעפינען? — האט ער געפרעגט מיזא׳ן.

— איך האב דאס געמעלדעט דער פאליצייא — האט מיזא געענטפערט. ווייטער ווייס איך ניט וואס צו טאהן. אבער איין מענש איז דא, וואס האט מיר פערשפראכען ניט צו רוהען, ביז ער וועט ערפאהרען וואו זיא איז.

— ווער איז דער מענש?

— ער איז א יונגער אפיציער, פערדינאנד דע מעדים, איז זיין נאמען, ער איז דאס דער, וואס האט מיינע פרוי מיט דיאנא׳ן פון פייער־טאדט גערעטעט. דוא קענסט זיך ניט פארשטעלען, וויא דעם יונגען מאן אינטערעסירט איהר פער־ שווינדען. אלס ער האט ערהערט דאס אונגליק, איז ער זא ערציטערט געווארען, וויא מען זאל איהם אנזאגען, דאס זיינע שוועסטער איז פעראונגליקט געווארען. ער האט געוויינט מיט ביטערע טרערען און האט געשווארען, דאס ווען זאגאר ער זאל דארפען זיין לעבען פערליערען, וועט ער ניט נאכלאזען דיאנא׳ן צוריק צו אונז ברענגען.

— איך בין זעהר נייגיעריג דעם יונגען מאן צו זעהן.

— ווען דוא ווילסט דאָ ווארטען נאך איין שטונדע, וועסט דוא איהם זעהען, דען ער האט פערשפראָכען הייטע אום צוועלף אוהר צוקומען, יעטצט איז שוין עלף.

— איך וועל געוויס ווארטען. אויב ער איז איין ענערגישער יונגער מאן, וועל איך מיט איהם צוזאמען דאָ ארבייטען, און האָף צו גאָטט, אז אונזער מיהע וועט ניט זיין אומזאָנסט.

— מיין קינד גיט מיר אָב, מיין קינד! — האט דיא קראנקע אניטא מיט איהר שוואכע שטימע אין דער מינוט געזאגט, און א קוואל טרערען האט זיך א גאָס געטאָהן איבער איהרע טויט־בלאסע וואנגען.

— האָפט צו גאָט, אונגליקליכע! — האט סאם דע פינטא זיא געטרייסט — ער האט אמאל אונזער פאטער יעקב צוריק זיין פערשוואונדענעם זאָהן יוסף, נאך א לאנג־יעהריגער שיידונג אָבגעגעבען און דער זעלבער גאָט וועט אויך אייער קינד אייך צוריק ברענגען.

אָבער דיא אַלטע קראנקע פרוי האט זיך ניט געקענט בערוהיגען.

זיא האט זיך איינינע מאל פון בעט אויפגעהויבען, און האט געוואָלט לויפען זוכען איהר קינד.

סאם דע פינטא׳ס אויגען זיינען פול געוואָרען מיט טרערען. דאס הערץ האט אין איהם געבלוטעט קוקענדיג אויף דער שרעקליכער סצענע.

פונקט אום צוועלף אוהר, איז יאָזע פאָן לערמא געקומען.

סאם דע פינטא איז אויסער זיך געוואָרען, אַלס ער האט איהם דערזעהע׳, און מיזא האט איהם געזאגט, אז דאס איז דער יונגער מאן, פערדינאנד דע מעדים.

סאם דע פינטא, האט יאָזע׳ן זעהר גוט געקענט און ער האט ניט פער־שטאנען, ווארום ער האט זיך אין דעם הויז אונטער אַן אנדער נאמען פאָרגע־שטעלט.

אויך יאָזע איז איבערראשט געוואָרען, טרעפענדיג דאָ דעם האָף־פרעדיגער.

ער האט פערשטאנען, אז בייא דעם אַלטען פריסטער וועט זעהר פערדעכטיג פאָרקומען זיין אינקאגניטא (פערשטעלטקייט), דארום האט ער זיך בעשלאָסען איהם אַלעס צו ערצעהלען.

— דער פּריסטער סאם דע פּינטא, איז אונזערער אנ'אלטער פריינד — האט מיזא געזאגט צו יאָזע'ן — אונזער אונגליק שמערצט איהם ניט װעניגער אלס אונז אליין, און איך האָף, אז איהר ביידע װעט דאָך אויסגעפינען אונזער קינד.

— זעהר שעהן — האט יאָזע געענטפערט — איך מוז בעטען דעם עהר־װירדיגען פּריסטער, ער זאָל מיט מיר אין א בעזונדער צימער אריינגעהן, דען איך האב מיט איהם װיכטיגעס צו שפּרעכען.

— דאס זעלבע האב איך געװאָלט בעטען — האט סאם דע פּינטא גע־ענטפערט.

— געהט מיינע פריינדע אריין אין יענעם צימער — האט מיזא געזאגט — קיינער װעט אייך דאָרט שטערען אין אייער אונטעררעדונג.

סאם דע פּינטא מיט דעם יונגען הערצאָג, זיינען אין אנ'אנדער צימער אריינגעגאנגען.

— איהר װאונדערט זיך, װערטהער פאטער, אויף דעם, װאס איך האב מיך דאָ אין דעם הויז אונטער אנ'אנדער נאמען פאָרגעשטעלט — האט יאָזע געזאגט, אלס זייא זיינען אונטער פיער אויגען געבליעבען.

— געװיס איז דאס בייא מיר א װאונדער — האט דער האָף־פּרעדיגער גע־ענטפערט — איך גלויב אָבער ניט, דאס איהר האט דאבייא א שלעכטען ציעל געהאט. איך קען אייך זעהר גוט און איך װייס, דאס איהר זייט צו שלעכטעס ניט פעהיג.

— דאנקע פאר אייער גוטער מיינונג װעגען מיר — האט יאָזע געזאגט — איהר האט קיין אירדטהום אין מיר. גאָטט זאָל מיך איינהיטען פון שלעכטע גע־דאנקען. איך װעל אייך יעצט דיא ריכטיגע אורזאכע פון דעם ערקלערען.

און ער האט ערצעהלט דעם פּרעדיגער דיא ריינע װאהרהייט. װיא ער האט זיך פערליעבט אין דיאנא'ן, באלד װיא ער האט זיא דערזעהן, און װיסענדיג, דאס װען זיא און איהרע עלטערן, װעלכען פאר איהם צופיעל רעספּעקט האבען, װען זייא װעלכען זיין װאהרען נאמען װיסען, האט ער זיך אנ'אנדער נאמען געגעבען.

— יעצט, הייליגער פאטער — האט יאָזע װייטער געזאגט — פערשטעהט איהר װיא גרויס מיינע שמערצען זיינען, פון דעם װאס מיין הייס־געליעבטע דיאנא, איז פערשװאונדען געװאָרען. זייט דאס אונגליק האט געטראָפען, לעב איך ניט. איך געה ארום װיא פערריקט. איך האב דיא לעצטע טעג ניט גערוהט, איך האב דיא גאנצע פּאָליצייא אויפגעריזט. מען האט דיאנא'ן איבעראל געזוכט, יעדער

אָבער, איז פון איהר קיין שפור געבליעבען. איך בין פערצווייפעלט, ערביטערט און איך פירכטע, דאס אויס גרויסע שמערצען, וועל איך ווירקליך פעררי̇קט ווערען. פיעללייכט האט איהר א ראטה, פיעללייכט קען אייך איינפאלען וואו זיא צו זוכען, איך בין בערייט זאָגאר אין דער העלע צו זונקען, ווען נור איך זאָל וויסען, דאס איך וועל זיא קענען פון דאָרט רעטען.

דיא טרערען, וואס האבען זיך בייא דיעזע וואָרטען פון זיינע אויגען געגאָסען, האבען זיין שטימע פערשטיקט, און ער האט מעהר ניט געקענט ריידען.

סאם דע פינטא האט פערשטאַנען, אז דאס אַלעס וואס יאָזע רעדט, איז דיא ריינע וואהרהייט.

— הערצאָג! — האט ער געזאגט — צוואר וויים איך ניט וואו זיא איז. איך דענק אָבער, דאס איך וויים, ווער עס איז שולדיג אין איהר פער־שווינדען.

— איהר ווייסט אזא זאך און איהר שווייגט? — האט יאָזע אויסגערופען, אויפשפרינגענד פון זיין אָרט.

— פאר קיין מענשען טאָר איך דאס ניט זאגען — האט סאם דע פינטא גע־ענטפערט.

— פאר מיר אויך ניט?

— פאר אייך מוז איך דאס זאגען, וויל איהר זייט דער איינציגער, וואס קען דאָ עטוואס טאָהן.

— אום הימעלס ווילען, רעדט.

— בייא מיר איז קיין צווייפעל, דאס דער גראָס־אינקוויזיטאָר ליאָן פעטרוס, איז דאָ שולדיג.

— וואאאס? דער גראָס־אינקוויזיטאָר? — האט יאָזע העכסט ערשטוינט אויסגערופען.

— יא, ער. איך האב פאקטען וואס בעשטעטיגען מיין מיינונג.

— וואס זיינען דאס פאר פאקטען?

סאם האט יאָזען ערצעהלט דיא געשיכטע פון דעם פאָפוגייא, און פון דעם בריעף, וואס ער האט געזעהן אין פעטרוס'עס צימער.

— הייליגע יונגפרוי! — האט יאָזע אויסגעשריען — איך האב מיך ערשט עטוואס דערמאָהנט, וואס צייגט, אז איהר האט קיין אירטהום.

— וואס האט איהר בעמערקט?

— איך האב איינמאל געטראָפען דעם פּאַנעל־הענדלער, ווען ער האט פערלאָזען דיאנא'ס צימער. ער איז מיר זעהר קענטליך פאָרגעקומען. איך האב אָבער דאצו קיין אויפמערקזאמקייט געשענקט. יעטצט עראינער איך מיך, דאס יענער פּאַנעל־הענדלער, וואר דער גראַס־אינקוויזיטאָר אליין. יעטצט איז מיר שוין קיין וואונדער, וואס ער האט זיינע פייגעלעך דיאנא'ן זאָ בילינ פערקויפט.

— נו, אויב אזוי, איז דאס ריכטיג וויא צווייא מאל צווייא איז פיער, אז ער האט ערגעץ דיאנא'ן פערפיהרט — האט סאם געזאגט.

— געלויבט איז גאָטט! — האט יאָ'ע אויסגערופען — יעצט וועל איך זיא אויסגעפינען.

— וואס דענקט איהר דען צו טאָהן?

— איך וויים נאך זעלבסט ניט וואס איך וועל טאָהן, אָבער איך וועל טאָהן און וועל זיא געפינען. אדיע דערוויילע, טויזענד דאנקען גיעב איך אייך, פאר דעם וואס איהר האט מיר דעם ריכטיגען וועג אָנגעוויעזען.

ער האט געדריקט דעם אלטענס האנד און איז אוועקגעלאָפען.

טו.

אַ פּאַטש פאַר אַ גוט וואָרט.

מאָנאסטירען!

מען איז שוין זאָ איינגעוואָהנט געוואָרען צו זעהען מאָנאסטירען מיט מאָנאשקעס, דאס בייא אלטמען קומען זייא פאָר וויא א געוועהנליכע, נאטירליכע זאך.

מען זאָל דאס אָבער נעהמען אביסעלע גוט בעטראכטען, מוז מען אויסער זיך ווערען פון אזעלכע ווילדע זאכען, וואס פּאסען פאר ווילדע מענשען, אין דעם אנפאנג פון דער וועלט ענטשטעהונג, בעפאָר דיא מענשהייט האט אָנגעפאנגען ענטוויקעלט צו ווערען.

שטעלט אייך פאָר, מען בויעט אויס א גרויסען קלויסטער מיט קליינע צימערליך, וואס זיינען ענליך צו דיא צעלען פון א געפענגניס. אהין זעטצט מען אריין יונגע אונשולדיגע מעדכענס, און מען דערצעהלט זייא, אז זייער צוועק אין לעבען איז, אויסצולעבען אלע זייערע יאָהר אין דעם קלויסטער. זייער מיסיאָן איז נור, צו בעטען גאָטט און זיך ענטזאגען פון אלע וועלטליכע פערגעניגען. זיך

אָבזונדערן פון אַלע מענשען, נעהען געקליידעט אנדערש, אלס אלע פרויען און ניט וויסען פון מאנען און פון קינדער, און שטערבען צווישען דיא ווייסטע ווענד פון דעם וויסטען קלויסטער.

דאס הייסט, זיך ענטזאגען פון דער נאטור און לעבען אוננאטירליך. זיך ענטזאגען פון לעבען, פון דער פרייהייט, און לעבען וויא א רעסטאנטין אין גע־פענגניס. זיך ערווייטערן פון דיא איינענע פאמיליעס און לעבען עלענד און אונ־גליקליך.

און ווארום דארפען זייא דאס אלץ טאָהן? דערפאר וואס זייא זיינען היילינע. זייא זיינען דיא בלות פון זיין ליעבען נאמען.

הייסט דאס ניט אויף דער העכסטער שטופע ווילד.

הייסט דאס ניט משוגע?

דוכט זיך, ווען גאָט זאָל פערלאַנגען, אז מענשען זאָלען לעבען אזוי וויא דיא מאנאשקעס לעבען אין דיא קלויסטערס, וואָלט ער ניט בעשאפען אזא שעהנע וועלט. ער וואָלט ניט בעשאפען קיין מענער און פרויען און ער וואָלט ניט נעזאָרגט דערפאר, דיא וועלט זאָל זיך ענטוויקלען און דיא מענשען זאָלען זיך פער־מעהרען.

און ווער האט בעשאפען דיא מאָנאסטירען? אזעלכע לייטע, וואס גלויבען אין דער תורה, וואו עס שטעהט אויסדריקליך, אז גאָט האט אָנגעזאגט דיא ערשטע מענשען „פרו ורבו," ניט ארויס פרוכט (קינדער) און פערמעהרט זיך. דיא תורה, וואו גאָט'ס בעסטע ברכה איז „הרבה ארבע את זרעך," (איך וועל דיר זעהר פיעל קינדער נעבען).

אויך אין היינטיגע קלוגע צייטען, געפינט איהר אין דער וועלט טויזענדע מאָנאסטירען, וואס זיינען פול מיט זאָלכע אונגליקליכע מאנאשקעס.

אין דער עפּאָכע, וואו אונזער געשיכטע האלט, האבען דיא גרעסטע מיליאָנערע, דיא גרעסטע אריסטאָקראטען, זייערע שעהנסטע טעכטער אריינגעגעבען אין דיא מאָנאסטירען. זאָגאר קעניגע, האבען זייערע קינדער אין דיעזע ווילדע הייזער אריינגעגעבען, זייא זאָלען דאָרט זייער גאנץ לעבען פערברענגען.

איז דאס ניט א מערקווירדיגע ווילדהייט?

נור מיר זאָלען זיך וועלען אָבשטעלען בייא אלע ווילדהייטען, וואס דיא מענשען האבען בעגאנגען און בעגעהן נאך הייטע, דארף מען פערשרייבען מיליאָנען ביכער, און נאך אלעמען, וועט מען זאָגאר א צעהנטעל ניט אויסשרייבען.

יונגע שעהנע פרויען זיינען פערשפארט אין א מאָנאַסטיר אונטער דער הערר־שאפט פון אַנ'אַלטע אָבגעלעבטע פרוי, וואס קען שוין פון דער וועלט קיין פער־געניגען פאָרדערן, און איז דארום שטארק צופריעדען, וואס זיא איז ניט דיא איינציגע, וואס קען קיין גליק געניסען, דען זאָגאר דיעזע אלע יונגע ליידענשאַפט־ליבע מעדכענס, קענען אויך קיין גליק געניסען.

מען קען זיך פאָרשטעלען דיא לאגע פון דיא אונגליקליכע מעדכענס, אונטער דער לייטונג פון אזא פרוי.

זיא האט שוין אויף זייא גוט אכטונג געגעבען, זייא זאָלען חלילה ניט געניסען א זיסע מינוט.

פאר יעדע קלענסטע זינדע, האט זיא שטארק בעשטראָפט.

דער גרעסטער טהייל פון דיעזע אויפזעהערינס, זיינען געווען זאָלכע פרויען, וואס האבען צופיעל גענאָסען פון ליעבעס בעכער.... פרויען, וואס האבען פערזוכט אלעס וואס מען טאָר ניט, און דיא גייסטליכע האבען זייא געמאכט פאר אויפ־זעהערינס איבער דיא מאָנאַסטירען מיט א רעכנונג....

דיא אבטעסין (אויפזעהערין) פון דעם מאָנאַסטיר סט. ווינצענטא, וואר א געוויסע מיראנא דע קאסמין.

אויף איהר האט מען אמאל געזאגט, אז דער הייליגער פאפסט אליין, האט זיא ניט פיינד ... און אלע בישעפע, זיינען איהרע פערעהרער....

זיא וואר דאן, ווען מען האט דיאנאַ'ן אין איהר מאָנאַסטיר אריינגעזעטצט, א פרוי פון איבער זעכציג, נאך גענוג קרעפטיג. איהר רויטע נאָז האט געצייגט, דאס זיא קען זיך מיט דעם ביטערן טראָפּען זעהר גוט.

זיא וואר איינע מיליאָנערין.

איהרע מיליאָנען האט זיא ערוואָרבען פון דיא רייכע גייסטליכע, וואס האבען פערבונדען בעקאנטשאפט מיט דיא שעהנע נאָנען פון דעם מאָנאַסטיר.

דיא נאָנען האבען געמוזט טאָהן וואס זייער אבטעסין האט בעפאָהלען.... זייא האבען זיך ביסלעכווייז צו דיעזע בעפעהלע צוגעוואָהנט, דאס מען האט זייא שוין ניט בעדארפט הייסען. זייא האבען זיך מיט פערגעניגען איבערגעגעבען צו דיא גייסטליכע, וואס האבען זייא בעזוכט אין דיא פינסטערע נעכט.

און אין דעם מאָנאַסטיר, האט מען דאס יעצט געבראַכט אונזער שעהנע דיאנא.

קיין פעדער איז אין שטאנד פאָרצושטעלען דעם שרעק פון דער אונגליק־

ליבער, אלס מען האט זיא אין א צעלע ארייננעפיהרט, און דיא אבטעסין מיט דער רויטער נאָז, האט איהר נעזאגט, אז דאָ וועט זיא עווינ בלייבען.

זיא האט נעוויינט, געשריען, זיך געבעטען, מען זאָל זיא לאָזען צוריק צו איהרע עלטערן געהען.

אָבער זעלבסט פערשטענדליך, דאס איהרע געשרייען און איהרע טרערען האבען קיין ווירקונג געהאט.

זיא האט א שרעקליבע שלאָפלאָזע נאכט אין דער צעלע פערבראַכט.

פון גרויס מיעדינקייט האט זיא אין דער פריה איינגעשלאָפען.

אָבער איהר שלאָף האט ניט לאַנג געדויערט.

זיא האט ערפיהלט א קוש אויף איהר באק און זיא האט זיך ערוואכט.

וויא איבעררראשט איז זיא געוואָרען, אלס זיא האט פאר איהר בעט דערזעהן דעם פאָגעל־הענדלער.

זיא איז פון איהר בעט אויפגעשפרונגען.

— אָ, הערר נאָט האט אייך אהער געבראכט! — האט זיא אויסגעשריען — מען האט מיך פערפיהרט אהער, דאָ פערשפארט, איך וויים ניט ווארום. ניבער מעלדעט מיין פאטער, אז איך בין דאָ. ער זאָל וואס גיכער מיך פון דאנען רעטען.

— שרעק זיך ניט, קינד — האט דער פאָגעל־הענדלער זאנפט געענטפערט— דיר וועט קיין שלעכטעס געשעהן.

— ווייסט איהר פיעלייכט ווארום מען האט מיך אהער געבראכט? — האט זיא געפרעגט.

— געוויס וויים איך.

— איהר ווייסט? אָ, ערקלערט דאָך מיר וואס וויל מען דאָ פון מיר.

— דיך ערווארטעט דאָ דאס גרעסטע גליק, מיין קינד — האט פעטרוס ליעבליך ערוויעדערט.

— וואס פאר א גליק קען מיך דאָ ערווארטען?

— איינער פון דיא גרעסטע מענער אין שפאניען ליעבט דיך. ער האט אָבער צו דיר ניט געקענט צוקומען, דארום האט מען דיך געבראכט צו איהם.

— איך פערשטעה אייך ניט — האט דיאנא געשטאמעלט.

— נו, וועל איך דאס דיר דייטליך ערקלערען. דער גראָס־אינקוויזיטאָר פעטרוס, ליעבט דיך מיט דעם גאנצען פייער פון דער ריינער ליעבע. דוא ווייסט

דאָך אָבער, דאס זיין אמט ערלויבט איהם ניט דיך צו הייראַטהען, דארום האט ער אויסגעווירקט ביים פּאַפּסט אַנ׳ערלויבניס מיט דיר צו לעבען, אָהנע דיך צו הייראַטהען און דערפאַר האט מען דיך געבראַכט אַהער.

— דאס איז שענדליך, דאס איז ניעדערטרעכטיג! — האט דיאנא גע־שריען — מען האט מיך געבראַכט אַהער, אום מיך צו ענטעהרען. וואו איז דער שענדליכער גראָס־אינקוויזיטאָר, איך וועל איהם מיט מיינע הענד זיינע אונרייניע אויגען אויסקראַטצען.

— דיא אויגען וואס קוקען אויף אזא געטליכעס בילד וויא דוא ביזט, זיינען ניט אונריין — האט פּעטרוס קאַלט געענטפערט — איך מוז דיר זאגען, דאס דוא וועסט בעגעהען דיא גרעסטע זינדע נעגען זיך אליין, ווען דוא וועסט זיך ענטזאגען פון דעם גראָס־אינקוויזיטאָרס גרויסע, הייסע ליעבע.

— ווען דוא רעדסט זאָלכע וואָרטען, ביזט דוא אזוי שענדליך און פּערדאָרבען, וויא דער גראָס־אינקוויזיטאָר אליין.

— ווארום זידעלסט דוא און שימפּפסט אזא היילינען מאַן, וויא דער גראָס־אינקוויזיטאָר איז.

— א הייליגער מאַן איז ער? ניין, זאג איהם אין מיין נאמען, אז ער איז דער ערגסטער מענש אין דער וועלט, און ווען ער וועט וואגען צוגעהן צו מיר, וועל איך וויסען וויא זיך צו פערטהיידיגען.

— איך וויל זעהען וויא דוא וועסט זיך פערטהיידיגען נעגען מיר.

— נעגען אייך?

— יא, נעגען מיר, דען איך בין דער גראָס־אינקוויזיטאָר ליאָן פּעטרוס.

— איהר שפּאַסט.

אנשטאַט אַנ׳ענטפער, האט דער יענער פון זיך ארונטערגעוואָרפען זיין יענער מאַנטעל און איז געבליעבען שטעהן אין דיא קליידער פון א פּריסטער.

— זאָ! — האט דיאנא וויטהענד אויסגערופען. דאס זייט איהר אליין, דער פערפלוכטער גראָס־אינקוויזיטאָר, וואס רעדט פון גאָט און טהוט אלעס וואס גאָט האט פערבאָטען. איהר האט זיך דאס וויא א דיעב ארייננע׳גנב׳עט צו אונז אין הויז, אום צו האבען דיא געלעגענהייט מיך פון מיינע עלטערען צו רויבען, צוליעב אייערע טהיערישע ליידענשאַפטען? אלזאָ, זאָלט איהר וויסען, דאס אָבוואָהל איך בין א שוואַכעס מעדכען, וועל איך גענוג קראַפט האבען פאַר מיין קיישהייט מיט אזא באַנדיט וויא איהר זייט, צו קעמפּפען.

— איך וויל זעהען דיין קראַפט — האט דער גראָס־אינקוויזיטאָר שפּאָטיש געזאגט און האט זיא געוואָלט אומארמען און קושען.

אָבער ער האט זיך באלד איבערצייגט, דאס זיא האט רעכט. מיט א קרעפטיגער האנד האט זיא איהם געשענקט אזא פּאטש, דאס איהם איז פינסטער געוואָרען אין דיא אויגען.

ער האט זיך פערשעהמט פאר זיך אליין, וואס ער האט פון א מעדכען אזא פּאטש געכאַפּט.

ער האט זיין כעס איינגעהאַלטען, אום ניט זיין גאַנצען פּלאַן און זיין גאַנצע מיהע צו צערשטערען.

מיט א פריינדליכע מינע האט ער געזאגט:

— אויף דיין פּאטש נעהם איך אָן פאר ליעב. דאס וועט דיר דיענען אלס בעווייז, וויא גרויס מיינע ליעבע איז צו דיר. איך האָף, אז דוא וועסט ענדליך איינזעהען, דאס איך האב פערדיענט דיינע קיסע, ניט דיינע פּעטש.

און ניט ווארטענדיג אויף איהר אנטוואָרט, איז ער פון איהר צעלע ארויס געגאנגען.

דיאנא איז געבליעבען אליין.

זיא האט זיך שטארק פאנ׳אנדער געוויינט.

דיא אבטעסין מיט נאך א נאָנע זיינען צו איהר אריינגעקומען. מען האט איהר געבראכט עסען און טרינקען. דיא אבטעסין האט זעהר פריינדליך מיט איהר גערעדט, אָבער דיאנא, וועלכע האט פערשטאַנען, אז איהר בעטען און איהרע טרערען, וועלען דער פרוי ניט ריהרען, האט ניט איין וואָרט געענטפערט און האט זיך צום עסען ניט צוגעריהרט.

דיא אבטעסין מיט דער נאָנע זיינען אוועק געגאנגען, און האבען זיא ווידער איבערגעלאָזט אליין.

דיאנא האט אָנגעהויבען צו בעטראַכטען דאס צימער, פיעללייכט וועט זיא געפינען אנ׳אָרט, דורך וועלכען צו אנטלויפען.

זיא האט זיך אָבער איבערצייגט, אז פון דעם צימער איז אונמעגליך צו ענט־קאָמען.

אום דרייא אוהר נאכמיטאג, האט זיך דיא טהיר פון איהר צעלע געעפענט, און פּירא דע קראן איז אריינגעקומען.

דאס האט איהם פּעטרוס געשיקט, ער זאָל מיט זיינע רייד ווירקען אויף דיאנא׳ן, זיא זאָל צו איהם פריינדליך ווערן.

דערזעהענדיג דעם בעקאנטען פריסטער, האט זיך דיאנא אנפאנגס דערפרעהט.

אָבער באלד איז איהר איינגעפאלען דער געדאנק, דאס ער מוז אויך געהערען צו דער באנדע, וואס האבען זיך פערשוואָרען זיא אהער צו ברענגען און איהר פריידע איז פערשוואונדען.

— גוטען טאָג, ליעבעס קינד! — האט פירא זעהר פריינדליך אויסגערופען — איך האב הייטע ערפאהרען, דאס דוא ביזט דאָ און בין דארום געקומען דיך צו בעזוכען.

— וויא זאָ האט איהר ערפאהרען, דאס איך בין דאָ? — האט דיאנא בייז געפרעגט.

— מיינער א פריינד א פריסטער, האט דאס מיר פערטרויעט — האט פירא זאנפט געענטפערט.

דיאנא'ס בליק איז געפאלען אויף פירא'ס הוט, און א פריידענגעשרייא האט זיך פון איהר ברוסט ארויסגעריסען.

זיא האט דערזעהען אויף זיין הוט דאס קנעפעלע, וואס דיא געהיימע יודען פלעגען טראָגען אלס צייכען, זייערע ברידער זאָלען זייא ערקענען.

— מיין גאָטט! וואס פאר א גליק — האט זיא אויסגערופען — איהר זייט אויך א געהיימער יוד?

פירא איז איבעררואשט געוואָרען, אלס ער האט דיעזע וואָרטען ערהערט און ער האט זיא ערשטוינט אָנגעקוקט.

— ווארום האט איהר אונז ביז אהער ניט געזאגט, דאס איהר זייט איינער פון אונזערע ברידער? — האט דיאנא געפרעגט — און ווארום האב איך דאס קנעפעלע אויף אייער הוט ביז אהער ניט בעמערקט.

דער שלויער פירא האט אָנגעהויבען צו פערשטעהען, דאס דיאנא איז א געהיימע יודין און דאס זיא האט דאָ א געוואלדיגען אירטהום.

ער האט זיך בעשלאָסען מיט איהר אירטהום זיך צו בענוטצען פון איהר אויסצופאָרשען איהרע געהיימניסע.

איך האב געהאט אורזאכע, זיך פאר אייער פאמיליע ניט ארויסצוצייגען — האט ער געענטפערט — וויל מען האט מיך שפיאָנירט. נור יעצט ווען איהר זייט אין אזא נויט, האב איך מיך בעשלאָסען דיא מאסקע פון זיך ארונטער צו ווארפען און אייך צו צייגען, דאס איך בין אזא געהיימער יודע וויא אייער פאטער, און דאס איך בין אייך צו הילפע געקומען.

— אָ, געבענשט זאָלט איהר זיין פון גאָט, ליעבער ברודער! — האט דיאנא געזאגט — אום נאָטעס ווילען, רעטעט מיך.

— איך וועל אייך געוויס רעטען, איהר מוזט אָבער האבען געדולד.

— ווייסט איהר שוין, אז דער גראָס־אינקוויזיטאָר האט מיך אהער פער־שלעפט?

— יא, איך ווייס. זאגט מיר, צו וועמען פון אונזערע ברידער זאָל איך מיך יעצט ווענדען, אום מיט איהם צוזאמען ווענען אייער בעפרייאונג צו אר־בייטען.

— צו אלעם ערשטען, מעלדעט דאס דעם האָף־פרעדיגער, סאם דע פינטא. איהר ווייסט דאָך געוויס, אז ער איז א הייסער יוד און ער האט א גרויסען איינ־פלוס ביים קעניג.

— דאס ווייס איך.

— ער וועט אייך שוין זאגען וואס צו טאָהן. מעלדעט דאס אויך אין אונזער שוהל, קינפטיגען שבת, ווען אלע אונזערע ברידער וועלען זיך אהין צוזאמענקלייבען מקבל שבת זיין. איך ווייס, דאס יעדער פון זייא וועט עטוואס טאָהן, אום מיך פון דעם שרעקליכען אָרט צו ענטרייסען.

— עס טהוט מיר לייד, פריילין, איהר ווייסט דאָך, אז איך קום קיינמאל אין אייער שוהל, און איך ווייס זאָגאר ניט וואו זיא בעפינדעט זיך.

— זיא בעפינדעט זיך אין דעם קעלער פון מיין פאטערס הויז, אין קאלא דע עליזאבעטה, נומער 51.

— זעהר שעהן, ליעבעס קינד. איך וועל דאס געוויס טאָהן — האט פירא זיא פערזיכערט — פאָרלויפיג וועל איך פליהען צו סאם דע פינטא. זאָרגט ניט, מיר וועלען אייך גיך פון דאנען בעפרייען.

ער האט איהר האנד געדריקט און איז שנעל אוועק געגאנגען.

אלס ער איז אין הויף געוועזען, האט ער בעטראכט דיא הוט, וואס ער טראָגט און האט צו זיין ערשטוינען ערשט דערזעהען, אז דאס איז ניט זיין הוט און האט אויך בעמערקט א קנעפעלע דאָרט איינגענעהט.

ער האט פערשטאַנען, אז ער האט זיין הוט פערביטען מיט סאם דע פינטא אין פעטרוסעס הויז.

— וואס פאר א גליק! — האט ער אויסגערופען — פעטרוס וועט אויס איבעראשונג שפרינגען אין דער לופט.

ער איז גלייך פון דעם מאָנאַסטיר אוועק געלאָפען צום גראָסס־אינקוויזיטאָר.

טז.

פרעהליכע נייעס.

דער גראָס־אינקוויזיטאָר, וואר זעהר בייא א שלעכטער לוינע.

דער פּאַטש וואס דיאנא האט איהם געשענקט, האט איהם צו פערשטעהען געגעבען, אז נים אזוי גיך וועט ער זיין ציעל עררייכען.

ער האט פערשטאַנען, אז ער וועט מוזען געגוג קרעפטע אויפאָפּפערן, ביז ער וועט דיאנא'ן בעזיעגען, זיא זאָל זיך אין זיינע הענד איבערגעבען.

וויא מיר ווייסען, האט ער צו איהר געשיקט פּירא דע קראָן, ער זאָל זיא איינרעדען זיא זאָל קלינער ווערען.

מיט דער גרעסטער אונגעדולד, האט ער ערוואַרטעט פּירא'ס אנטוואָרט.

און וויא ערפרעהט איז ער געוואָרען, אלס דער בעדיענטער האט איהם געמעלדעט, דאס פּירא איז געקומען און וויל מיט איהם שפרעכען.

— געשווינד, רוף איהם אריין אהער — האט פּעטרוס בעפאָהלען.

מיט דעם ערשטען בליק אויף פּירא'ן, האט פּעטרוס פערשטאַנען, אז ער האט איהם גוטע נייעס געבראַכט.

— וואס הערט זיך, פּירא? — האט ער האסטיג געפרעגט.

— פּראַכטפאָל, אייער הייליגקייט — האט דער שפּיאָן מונטער געענטפערט.

— וואס? דיר האט געלונגען זיא איינצורעדען, זיא זאָל מיינע ווינשע ערפיעלען.

— ניין, אייערע הייליגקייט.

— ווארום־זשע זאָגסט דוא, אז עס איז פּראַכטפאָל.

— איך האב אויסגעפונען, אזא זאַך, וואס איז טהייערער פון גאָלד און בריליאַנטען, און דורך דיעזער זאַך, וועט איהר זעהר לייכט קענען מאַכען, אז דיאנא זאָל אייך צו דיא פיס פאלען, און זאָל זיך בייא אייך בעטען, איהר זאָלט איהר אונטער אייער שוטץ נעהמען.

— וואס פאר א זאַך האסט דוא אויסגעפונען?

— איהר וועט דאס גאר ניט טרעפען, אייער הייליגקייט.

— איך וויל דאס גאר ניט טרעפען, זאג מיר וואס פאר א שאטץ דוא האסט געפונען. איך האב פיינד, ווען מען רעדט מיט מיר אויפ'ן ווינק.

— איך האב ערפאהרען, אז דיאנא'ס עלטערן זיינען געהיימע יודען.

— דוא שפאסט, פירא.

— ניין, אייער הייליגקייט, דאס איז קיין שפאס.

— איז דיאנא אויך א יודין?

— געוויס.

— ווער האט דאס דיר געזאגט?

— זיא אליין.

— ווער איז דיא זיא?

— איך מיין טאקי דיאנא אליין.

— איך פערשטעה דיך ניט. דוא ביזט היינט זעהר רעטזעלהאפט.

— דאָ איז קיין רעטהזעל, אייער הייליגקייט. דיאנא אליין האט מיר ערצעהלט דיזע וויכטיגע געהיימניס.

— וויא איז דאס מעגליך?

פירא האט ערצעהלט דעם גראָסס־אינקוויזיטאָר וויא דאצו איז געקומען, דיאנא זאָל איהם אזא זאך ערצעהלען.

— דאס איז איינס פון דיא מערקווירדיגסטע זאכען, האט פעטרוס ענטציקט אויסגערופען. מיר מוזען גלויבען, דאס דער צופאל איז קיין געוועהנליכער, נור א געטטליכער.

— יא, אייער הייליגקייט. דאס איז אַן איבערנאטירליכע ערא יגניס. וואָלטען מיר דאס ווען געגלויבט, אז סאם דע פינטא איז א פערפלוכטער יוד? האבען מיר ווען ערווארטעט, אז מיט איינמאל זאָלען אין אונזערע הענד ארייג פאלען אזוי פיעל פערברעכער. דורך דעם צייכען וואס מיר האבען יעצט, דורך דעם קנעפעלע, ווערען מיר אויסגעפינען אלע געהיימע יודען וואס געפינען זיך אין מאדריד, און זייא אלעמען ווערען מיר שיקען דורך פייער אין דער בעסערער וועלט.

— דאס איז ווירקליך פראכטפאָל און ערהאבען — האט פעטרוס געזאגט — אלזאָ, וואס זאָל מען יעצט טאָהן?

— צו אללעם ערשטען, מוז מען פערהאפטען מיזא'ן, זיין ווייב און סאם דע פינטא. פרייטאג־צו־נאכט וועל איך פערהאפטען אלע געהיימע יודען פון יענער

שוהל, און ווען דיאנא וועט ערפאהרען, דאס אויך איהר ערוואַרטעט דער אויטאָ־דע־פע, וועט זיא מיט אייך נאר אנדערע ווערטער ריידען.

— בראַוואָ, פּירא! איך האב דיך ליעב. דוא האסט הייטע אויפגעטאָהן פיעל מעהר, אלס אַלע אונזערע שפּיאָנען קענען אויפטהון אין פערלויף פון פיעלע יאָהר.

— זאָל איך נעהן ארעסטירען דיא דרייא?

— יא, נעה.

— איהר זאָלט אָבער איין זאַך ניט פערגעסען, היילינקייט.

— וואס זאָל איך ניט פערגעסען?

— אז דאס גאנצע געלד פון דיא פערהאַפטעטע, בעלאַנגט צו מיר אליין.

— ניט אין גאנצען, נור העלפט. אזוי זאגט דיא געזעטצע, אז דיא צווייטע העלפט בעלאַנגט צו דער קירכע.

— זאָל זיין א העלפט, איך וועל מיך ניט דינגען. אלזאָ, איך לויף שוין דיא לייטע נאך דעם געפענגניס צו פיהרען. צום ווידערזעהן.

ער איז לוסטיג אוועקגעלאָפען.

פּעטרוס׳עס געזיכט, האט זיך וויא בעגאָסען מיט גליק:

אונערוואַרטעט האט ער אזא וויכטיגע נייעס ערפאהרען, וואס וועט איהם פערשאפען פיעל געלד און עהרע, און דאבייא וועט זיך עפענען פאר איהם א וועג צו קומען צו דיאנא׳ס ליעבע, צו איהר הערץ....

ער איז זעהר פרעהליך ארום געלאָפען הין און צוריק איבער זיין צימער, און האט זיך דיא הענד געריבען אויס הערצענס־פריידע.

— יאָזע פאַן לערמא! — האט דער בעדיענטער פלוצלינג געמעלדעט.

— יאָזע פאַן לערמא? — האט פּעטרוס ערשטוינט אויסגערופען — וויא קומט ער צו מיר, דאָ מוז עפּעס זיין. ביטע איהם אריין אין מיין קאבינעט.

אויך ער אליין איז אין זיין קאבינעט אריינגעלאָפען.

יאָזע איז אריינגעקומען זעהר אויפגערעגט. ער האט זאָגאר דעם גראָסס־אינקוויזיטאָר, דעם איהם געביהרענדען גרוס ניט געגעבען.

— זייט מיר הערצליך ווילקאָמען, הערצאָג! — האט פּעטרוס פריינדליך געזאגט — איך גלויב, דאס זעהר א וויכטיגע זאַך, האט אייך געבראַכט צו מיר.

— איך בין צו אייך געקומען פרעגען א זאך, און איך האף, דאס איך וועל א ריכטיגען אנטוואָרט ערהאלטען — האט יאָזע מיט א פינסטערע מינע געזאגט.

— ביטע, הערצאָג, פרעגט.

— וואו איז פרייליין דיאנא דע פעררייראַ? — האט יאָזע זעהר בעז גע־פרעגט.

פעטרוס איז בלאס געוואָרען.

— וואו איז דיאנא דע פעררייראַ, פרעג איך אייך? — האט יאָזע נאך אמאל געפרעגט.

— ווארום שטעלט איהר מיר דיא פראגע? — האט פעטרוס געשטא־מעלט.

— וויל איהר אליין ווייסט וואו זיא איז.

— וואָרום דענקט איהר אזוי?

— איך ווייס אלעס.

— וואס ווייסט איהר?

— איך ווייס, דאס איהר פלעגט צו מיזא'ן אין הויז אלס פאָגעל־הענדלער אריינגעהען, מיט דער אבזיכט צו שפּרעכען מיט דיאנא'ן. איך ווייס אויך, דאס איהר האט זיא אירגענדוואו פערפיהרט. איך פאָרדער אייך אויף, דאס איהר זאָלט מיר דיא וואהרהייט זאגען וואו זיא איז.

— וואס געהט עס אייך אן, הערצאָג.

— מיר געהט עס זעהר אָן. איך האב דאס מעדכען איינמאל פון טויט גע־רעטעט, און וועל זיא אויך פון אייערע הענד רעטען — האט יאָזע וויטהענד גע־שריען.

א פרעהליכע מינע האט זיך פּלוצלינג געוויזען אויף פעטרוס'עס געזיכט.

— ניין, הערצאָג — האט ער געענטפערט — פון איין פייער האט איהר זיא גערעטעט, אָבער פון צווייטען וועט אייך אונמעגליך זיין זיא צו רעטען.

— איך פערשטעה אייך נים.

— נו, וועל איך דאס אייך צו פערשטעהען געבען, הערצאָג. איהר זאָלט וויסען, דאס מיר האבען ערפאהרען, דאס דיאנא און איהרע עלטערען, זיינען פער־פלוכטע יודען. איהר פערשטעהט. זייא זיינען קעטצער, און דארום האט מען אויף מיין בעפעהל, דער יודין פערהאפטעט, און יעצט האב איך א בעפעהל ערלאססען, מען זאָל איהרע עלטערען פערהאפטען.

— דאס איז ניט וואהר — האט יאָזע ערציטערט געזאגט.

— דאס איז יא וואהר, זאג איך אייך. איבעריגענס, דארף איך אייך וועגען אזא זאך קיין רעכנונג אָבגעבען, ווייל דאס איז מיין זאך, און איך בין דערפאר פעראנטוואָרטליך.

— ווארום האט איהר פריהער דיאנא'ן פערהאַפטעט, ווען עס איז וויא איהר זאגט.

— דאס איז וויעדער מיין געשעפט.

— וואו זיטצט יעצט דיאנא?

— דאס בעדאַרף איך אייך ניט זאגען.

— געדענקט, פעטרוס! — האט יאָזע וויטהענד אויסגעשריען — ווען עס וועט זיך הערויסווייזען, אז איהר האט דאס מעדכען פעריפיהרט צוליעב אנ'אנדער צוועק, וועט איהר פיהלען דיא קראפט פון מיין האנד.

— דאס וועט זיך שנעל הערויסצייגען — האט פעטרוס ערשראָקען געאנטפערט.

— ווילט איהר מיר ניט זאגען וואו דאס מעדכען בעפינדעט זיך יעצט?

— דאס קען איך ניט.

— דיא אלע רייד וועלען אייך זעהר טהייער קאָסטען — האט יאָזע געזאגט און האט פערלאָזען דעם אינקוויזיטאָרס הויז.

— איך לאַך פון דיר! — האט פעטרוס געזאגט אלס ער איז אליין געבליעבען — קוים איז דאס וואהר, אז זיא איז א יודין, וועט זיא דער טייפעל אליין פון מיינע הענד ניט ארויסרייסען. דאס גאנצע פאָלק וועט שטעהן בייא מיין זייט....

אין א פּאאר שטונדען ארום איז פּיראַ דע קרא'ן צוריקגעקומען און האט ראפּאָרטירט דעם גראָס־אינקוויזיטאָר פאָלגענדעס:

— מיזא און סאם דע פינטא, זיינען שוין אין געפענגניס. נאך א שטארקע אונטערזוכונג אין זייערע וואָהנונגען, האט מען געפונען יודישע געבעט־ביכער און נאך פערשיעדענע געגענשטענדע, וואס צייגען, אז דיא צוויא לייטע, זיינען פערפלוכטע קעטצער. זייא האבען געוואָלט אונטערקויפען אונזער פּאָליצייא מיט פיעל געלד, מען זאָל זייא לאָזען אנטלויפען, אָבער איך בין דאָבייא געוועזען און האב דאס געשטערט.

— מיזא'ס פרוי, וועלכע איז קראנק געלעגען אין בעט, איז אויס שרעק געשטאָרבען. שעהן איז געוועזען צו זעהן, וויא דער אלטער מיזא איז אויף איהר טויטען

קערפּער געפאלען און האט געיאָמערט וויא א קליינער יתום. ער האט פון זיין גע־ליעבטער טויטער פרוי גאר ניט געוואָלט אוועקגעהען און נור מיט גרויסער מיהע האט מען איהם פון איהר אָבגעריסען. דער אַלטער איז האלב פּעררוקט און איך פירכטע, דאס ער וועט אין געפענגנים מיט זיין נאַטירליכען טויט שטערבען.

— איך האב בעפאָהלען אלע אונזערע שפּיאָנען, דאס ווען זייא וועלען בע־מערקען א קנעפּעלע אויף יעמאנדס א הוט, זאָלען זייא דעם מאַן גאר אָהנע צערע־מאָניען שליעסען אין געפענגנים.

— אין קורצען, אלעס געהט בעסער וויא געוואונשען, אייער הייליגקייט — האט פּירא זיין ראַפּאָרט געענדיגט.

— גוט, איך בין צופריעדען — האט פּעטרוס פערגעניגט געענטפערט.

יז.

וואס איז דאס?

צערשמעטערט און העכסט פערצווייפעלט, האט זיך יאָזע פאָן לערמא צוריק אהיים אומגעקעהרט.

דאס וואס ער האט געהערט פון דעם גראָס־אינקוויזיטאָר, האט איהם וויא א דאָנערשלאַג געטראָפען.

דיאנא איז א יודין.

דיאנא איז אין געפאהר פערברענט צו ווערען.

דיאנא שמאכטעט יעצט אין געפענגנים.

אין דיא אויגען האט איהם געשווינדעלט און דער קאָפּ האט זיך אויף איהם וויא געדרעהט.

— וואס טהוט מען?

ווען דאס וואס פּעטרוס האט געזאגט איז וואהר, גיעבט עס קיין מיטעל דיאנא׳ן צו רעטען. אזא פערברעכערין איז קיינער אין שטאנד צו בעגנאַדיגען.

זיין א יוד, איז א גרעסערעס פערברעכערין וויא זיין דער גרעסטער מערדער. ניט גלויבען אין קריסטוס׳ן, איז א גרעסערע זינדע, וויא דער שענדליכסטער רויב.

אַלס ער איז אַריינגעקומען אין זיין פאַטערס הויז, האט ער אין דעם ערשטען צימער געטראָפען דער אַלטער מאַריא.

זיא איז ערציטערט געוואָרען, אלס זיא האט אויף איהם א קוק געטאָהן.

זייט זיא קען איהם, האט זיא קיינמאל אזא שרעקליך געזיכט בייא איהם געזעהען.

— ווערה איז מיר, יאָזע, וואס איז מיט דיר ? — האט זיא אויסגעשריען — דיא ווייזט דאָך אויס מעהר טויט אלס לעבענדיג.

און אנשטאט אנ׳אנטוואָרט, איז יאָזע איהר געפאלען ארום האלז און האט זיך פאנ׳אנדער געוויינט.

— יאָזע, מיין קינד, דיא היילינע יונגפרוי זאָל דיך בעשיטצען, ערצעהל דאָך מיר וואס פאר אנ׳אונגליק עס האט פאסירט ? — האט דיא אלטע אויך ווייגענד געפרעגט.

— מאריא, איך בין פערלאָרען — האט יאָזע אויסגערעדט.

— וואס הייסט, דוא ביזט פערלאָרען ? ווארום ביזט דוא פערלאָרען ?

יאָזע האט א היבשע צייט ניט געקענט ענטפערן.

ענדליך האט ער זיין שפראכע צוריק בעקומען.

— מאריא — האט ער געזאגט — מען האט פון מיר צוגענומען מיין הערץ, מיין זעעלע און מיין לעבען.

— איך פערשטעה דיך ניט.

— דוא ווייסט שוין, מאריא, אז איך ליעב א מעדכען.

— יא, איך ווייס.

— איך ליעב זיא מעהר אלס אלעס אין דער וועלט. איך בין יעדע מינוט פערטיג פאר איהר צו שטערבען. איך ווייס, אז אָהן איהר עקסעסטירט קיין גליק פאר מיר אונטער דעם הימעל, און דאס מעדכען האט מען פון מיר בערויבט. דאס מעדכען שטעהט יעצט אין געפאהר פערברענט צו ווערען.

— ווארום ? ווארום דארף זיא פערברענט ווערען ?

— ווייל מען האט ערפאהרען, דאס זיא איז א געהיימע יודין.

— אָ וועה ! — האט מאריא ערציטערט אויסגעשריען — וויא זאָ האט מען דאס ערפאהרען ?

— איך ווייס ניט. איך ווייס ניט.

— און זיא זיטצט שוין אין געפענגניס ?

— יא.

— און עס איז אונמעגליך זיא צו רעטען ?

— אונמעגליך, מאריא.

— ארמעס קינד! — האט דיא אלטע געזיפצט.

— אָ, מאריא, איך בין פערלאָרען, אויף עוויג פערלאָרען — האט יאָזע ווײנענד אויסגערופען און האט זיך מיטביידע הענד פאר דעם קאָפּ גע־כאַפּט.

— אָבער יאָזע, דוא ביזט דאָך קיין קינד, דוא דארפסט זיך ניט לאָזען הינ־רייבען פון פערצווייפלונג. דוא אליין ביזט דאָך א פרומער קריסט און אלס איינס וואָלסט דוא אזא מערדבען ניט געקענט הייראטהען.

— יא, מאריא, איך בין א פרומער קריסט — האט יאָזע וויטהענד אויסגע־רופען — און גראדע דערפאר וואס איך בין א פרומער קריסט, וועל איך פלוכען און פערשעלטען דיא מערדער, וואס בענעהען אין קריסטוסעס נאמען דיא גרעסטע מערדערייען. ווער האט דיעזע מערדער ערלויבט דיא יודען צו שטיקען און צו מאָרדען? פאר וואס קומט דאס זייא, איז דען אונזער קריסטוס אליין אויך קיין יוד געוועזן, האט ער אליין ניט אָבגעהיט משה'ס תורה, האט ער ניט אויסדריקליך אָנגעזאגט, מען זאָל דיא יודען קיין שלעכטעס טאָהן? דיא אלע גייסטליכע און דיא אלע אינקוויזיטאָרען, זיינען קיינע קריסטען, ניין, זאָג איך, זייא זיינען קינדער דער העלע, זייא גכויבען אין טייפעל.

— אָ וועה, יאָזע, מיין קינד, וואס רעדסט דוא? — האט מאריא ערשראָקען געשטאָמעלט — מעג מען זאָ וואס ריידען אויף דיא הייליגע פריסטער און אויף דער הייליגער אינקוויזיציאָן.

— נארישע פרוי! — האט יאָזע געענטפערט — האט דיר גאָט ניט גע־געבען אויגען, אויערן און פערשטאנד, דוא זאָלסט קענען אלץ אליין זעהען, הערען און פערשטעהען יעדע זאך. ווארום גלויבסט דוא אין דיא בלוטגיעריגע גייסטליכע, מעהר וויא דיין אייגענעם פערשטאנד. קומט דען א שטראפע דעם מענשען, וועלכער בעט צו גאָט מיט אנ'אנדער שפראכע. אין וואס בעשטעהט דען דאס פערברעכען פון דיא יודען, אויב ניט אין דעם, וואס זייא בעטען צו גאָט, צו דעם איינציגען גאָט, וועלכער איז אויך דער קריסטליכער גאָט, פון א יודישען געבעט־בוך אין דער אלטער שפראכע פון זייערע עלטערען. וואס פאר א זינד געפינסט דוא אין דעם? ווארום זאָל מען זייא פאר אזא זאך בעטראכטען וויא דיא ערגסטע מענשען אין דער וועלט און מען זאָל גלייכגילטיג צוקוקען, וויא מען מארטערט און מאָרדעט זייא?

דיא אַלטע האַט געשוויגען, עס וואַר ליכט אין איהר געזיכט צו ערקענען, דאַס יאָזעס וואָרטען האָבען אויף איהר שטאַרק געווירקט.

— איז גאָר קיין מיטעל פערהאַנדען דאָס מעדכען צו רעטען? — האָט זיא ענדליך געפרעגט.

— א מיטעל? קען מען פון טיגער׳ציינער ארויס רייסען א שוואַכע שעפּסעלע? — האָט יאָזע וויטהענד געענטפערט — פערפאַלען, זיא איז פער־לאָרען.

און ער האָט זיך ווידער פאַנ׳אַנדער געוויינט.

— מיר שיינט, דאָס דיין פאַטער איז געקומען — האָט מאַריא געזאָגט — איך הער זיינע טריט אין קאָרידאָר. פּרוּוו איהם בעטען, פיעלייכט וועט ער עטוואָס טאָהן פאַר דער אונגליקליכער.

— אָ, ער איז ניט בעסער פון זייא אַלע — האָט יאָזע געענטפערט — ער ווייס פון קיין מיטלייד, פון קיין רחמנות.

דיא טהיר האָט זיך געעפענט און דאַנעל איז אריינגעקומען.

ער האָט דאָ געטראָפען זיין זאָהן און מאַריא׳ן פערוויינט און זעהר ניעדער־געשלאָגען.

— מען וויינט גאָר? — האָט ער ערשטוינט געפרעגט.

— דאַנעל! — האָט מאַריא צערטליך אויסגערופען, איהם פאַר דער האַנד נעמענדיג — דו ליעבסט דאָך מיך וויא דיינע מוטער. ניט וואָהר?

— געוויס ליעב איך דיך וויא מיינע מוטער.

— און דו ווייסט דאָך, דאָס א מוטער מוז מען געהאָרזאַם זיין.

— אנטקעגען וואָס זאָגסט דו דאָס.

— איך בעט דיך, בעוויז דאָס דו ביזט א גוטער מענש און רעטע איין אונגליקליכען פון טויט.

— ווער איז דער אונגליקליכער?

— דאָס מעדכען וואָס יאָזע ליעבט.

— וואַאַס?

— דאָס מעדכען וואָס דיין יאָזע ליעבט, איז יעטצט אין גרעסטען געפאַהר. יאָזע איז פערטיג זיך פון איהר אויף אימער צו ענטזאַגען, ווען נור דו וועסט זיא רעטען.

— און וואָס פאַר א געפאַהר איז זיא דען?

— מען האט ערפאהרען, דאס זיא איז א יודין און דערפאר האט מען אין געפענגנים געשליידערט.

— זיא איז א יודין ? — האט דער מיניסטער ערשטוינט אויסגערופען.

— יא, ליעבער דאנעל.

— און דוא בעטסט פאר א קעטצערין מיטלייד ?

זיא האט דאך בעהיטע נאט קיין מארד בעגאנגען, זיא האט נור איין פעה געטאהן, וואס זיא האט געבעטען גאט פון א יודישען געבעט־בוך.

— נו, און דאס איז בייא דיר א קליינינקייט.

— פאטער! — האט יעצט יאזע אויסגערופען אויפשפרינגענד פון זיין אר עס איז שוין צייט, דאס אויך דוא זאלסט פערשטעהען, דאס יעדען מענשען ערלויבט צו בעטען גאט אין אלע שפראכען. דוא ביזט יעצט דער הערשער שפאניען, און ווען אונטער דיין הערשאפט מארדעט מען מענשען פאר זא פערברעכען, וועט דיא גאנצע פעראנטווארטליכקייט פון זייער טויט פ אויף דיר.

— זא ? דוא ביזט א פערטהיידיגער פון קעטצער געווארען — האט דא שפאטיש געזאגט.

— קעטצער זיינען דיא, וואס האבען פערגעניגען צו מארטערן אונשול מענשען, אונגלויביגע זיינען יענע, וועלכע געהען צו א היגריכטונג פון עהרי מענשען, וויא צו א קאנצערט — האט יאזע בייז ערוויעדערט.

— דיינע ווארטען אין דיין פערטהיידיגונג וועט דא גאר ניט העלפען — ז דער מיניסטער בייז געזאגט — אויב מיזא דע פערריירא איז א יוד, וועט ער זיין גאנצע פאמיליע, וויא דיא געפעהרליכסטע קעטצער פערברענט ווערען.

מאריא איז לייכענבלאס געווארען.

— וועמעס נאמען האסט דוא דערמאהנט, דאנעל ? — האט זיא פרעגט.

— דאס איז דאך דער נאמען פון דעם מאן, וואס זיין טאכטער האט העלד בעזיעגט — האט דאנעל געענטפערט.

— מיזא דע פערריירא הייסט ער ?

— יא. אבער אום הימעלס ווילען, וואס איז דיר, מוטער, ווארום ביזט

זיא בלאס געווארען ?

יח.

אַ שרעקליכע געשיכטע.

גאַנץ מאַדריד האָט געקאָכט מיט דעם נייעס, דאָס מען האָט ענטדעקט אַ גאַנצען נעסט פון געהיימע יודען.

איבעראַל האָט מען ערצעהלט, דאָס די אינקוויזיטאָרען האָבען פערהאַפטעט איבער אַכט הונדערט מאַראַנען, וואָס זיינען געהיימע יודען און האָבען געהאַט איין אונטעראירדישע שוהל, וואו זיי האָבען געבעטען צום יודישען גאָט.

אַלע האָבען געלויבט דעם גראָס־אינקוויזיטאָר פּעטרוס, וועלכער האָט אַזאַ טהייערע ענטדעקונג געמאַכט.

גאַנץ מאַדריד, וואָר פאַרבערייטעט בייצוּוואָהנען דעם מערקווירדיגען אויטאָ־דע־פע, אין וועלכען אַזוי פיעל קעטצער וועלען מיט איינמאַל פערברענט ווערען.

נור צוויי מענשען פון דער קריסטליכער בעפעלקערונג, האָבען מיט שוידער און שרעק פון דעם אויטאָ־דע־פע געטראַכט.

דאָס וואַרען יאָזע פאָן לערמאַ און די אַלטע מאַריאַ.

יאָזע האָט ניט גערוהט.

ער האָט מיט אַלע קרעפטע געאַרבייט אויסצוגעפינען דאָס געפעננגיס וואו זיין געליעבטע דיאַנאַ זיטצט. ער איז ארומגעלאָפען פון איין גייסטליכען צום צווייטען, פון איין אינקוויזיטאָר צום אַנדערן.

אָבער זיין מיהע וואָר אומזאָנסט.

ער האָט דאָס ניט געקענט ערפאַהרען.

און די אַלטע מאַריאַ איז פון יענעם טאָג אָן, וואָס זיא האָט ערפאַהרען, דאָס מיזאַ דע פערריירא מיט זיין פאַמיליע, זיינען פערהאַפטעט געוואָרען, זאָ מעלאַנכאָליש געוואָרען, דאָס אַלע האָבען זיך אָנגעהויבען פאַר איהר צו שרעקען.

זיא האָט מיט קיינעם גערעדט, זיא וואָר אימער פערשפּאַרט אין איהר צימער און האָט זיך פאַר קיינעם געוויעזען.

דאַניעל איז זעהר אונרוהיג געוועזען וועגען איהר.

פיעל מאָל איז ער צו איהר אריינגעקומען און האָט זיא געבעטען, זיא זאָל זאָגען וואָס איהר פעהלט.

ער האט אָבער קיין ריכטיגען אנטוואָרט ערהאלטען.

זיא האט קיין ארצט צו זיך צוגעלאָזט, און מאנכעס מאל פלעגט זיא אין מיטען דער נאכט זיך ערוואכען פון שלאָף מיט זאָלכע געשרייען, דאס אלע שטוב־מענשען, זיינען ערציטערט פון זייערע בעטען אויפגעשפרונגען און זיינען אין איהר צימער אריינגעלאָפען, מיינענדיג, אז דאָרט ברענט.

אָבער זייא פלעגען זיא טרעפען ציטערענד בייא אלע גליעדער. אלע צייהן אין מונד האבען וויא פון א שטארקען פיעבער געקלאפט איינס אן אנדערן, און אויף אלע פראגען וואס מען פלעגט איהר דאן שטעלען, האט זיא גאר ניט גע־ענטפערט.

זאָ זיינען איבערגעגאנגען פיער וואָכען.

דיא געפענגניסע וואָרען געפאקט מיט געהיימע יודען, וועלכע מען האט גע־מארטערט מיט דיא שרעקליכע גרויזאמקייטען, וואס טיראנען האבען אין א רייהע פון הונדערטער יאָהר אויסגעפונען. פיעלע זיינען אונטער דיא קוואלען געשטארבען און 1200 זיינען אלס שולדיג ערקלערט געוואָרען און צום פייער־טויט פעראור־טהיילט געוואָרען.

דער איטא־דע־פע, אויף וועלכען זאָ פיעלע מענשען האבען בעדארפט פער־ברענט ווערען, איז בעשטימט געוואָרען אויף דעם ערשטען יאנואר 1605.

דעם 28 דעצעמבער 1604, שפעט בייא נאכט, אלס דער מיניסטער דאנעל פאָן לערמא איז געזעסען אין זיין צימער און האט זיך בעשעפטיגט מיט אונטער־שרייבען טאָדעס־אורטהיילע איבער דיא לעצטע צוואנציג געהיימע יודען, האט זיך דיא טהיר פון זיין צימער געעפענט און מאריא איז אריינגעקומען.

זיא האט אויסגעזעהען וויא א גייסט וואס איז פון א קבר ארויס גע־קראָכען.

איהר קאָפּ וואר ענטבלעסט און איהרע ווייסע האאר, וועלכע וואָרען אָהן אנ׳אָרדנונג, האבען בעשאטעט איהר לייבענבלאסעס געזיכט. איהרע אויגען זיינען וויא דאָפּעלט גרויס געוואָרען און זייערע ווילדע בליקען האבען זאָגאר דאס אונער־שראָקענעם מיניסטער ערשראָקען.

— מאריא! מוטער! — האט ער געשטאמעלט — וויא שרעקליך דוא וויזט אויס.

— דאנעל! — האט זיא געזאגט און האט זיך מיט ציטערענדע בליקען אין אלע זייטען ארומגעקוקט — דוא האסט שוין אלע טאָדעס־אורטהיילע אונטער־געשריעבען?

— ווארום פרעגסט דוא דאס ?

— איך מוז דאס וויסען.

— יא, איך בין שוין באלד מיט אלע טאָדעס־אורטהיילע פערטיג — האט ער געענטפערט.

— איז מיזא דע פערדריירא אויך צום טויט פעראורטהיילט געוואָרען ?

— געוויס.

— וואו איז זיין אורטהייל ?

— דאָ ביי מיר.

— איך וויל איהם זעהען.

— וואצו, מוטער ?

— איך וויל און מוז איהם זעהען — האט זיא שטרענג געזאגט, דאס דער מיניסטער האט ניט געוואגט איהר בעפעהל צו ענטזאגען.

ער האט אויסגעזוכט מיזא׳ס טאָדעס־אורטהייל און האט עס איהר געגעבען מיט דיא ווארטען : „דאס איז ער!“

מאריא האט אייניגע מינוטען דאס פאפיער בעטראכט און האט איהם אין שטיקער צעררִיסען.

— וואס האסט דוא געטאָהן ? — האט דאנעל אויסגערופען.

— שששש! — האט זיא געענטפערט — איך וויל דיר א געשיכטע ער־צעהלען.

— א געשיכטע ?

— יא, א שרעקליכע געשיכטע.

— נו, ערצעהל.

— עס וואר אמאל א רייכע פאמיליע, וועלכע איז בעשטאנען פון פאטער, מוטער און א קליין קינד.

— דיא עלטערען ווארען יונגע מענשען, זעהר ליעבענסווירדיגע גוטע לייטע. דאס קינד וואר שעהן וויא אַן׳ענגעל.

— וואצו ברויך איך דיא געשיכטע וויסען — האט דאנעל אונגעדולדיג געזאגט.

— שוייג! — האט זיא געביטעריש א געשרייא געטאָהן — דוא מוזט דאס הערען, דוא דארפסט דאס הערען.

— נו, איך הער.

— בייא זייא אין הויז האט נעדיענט א מעדכען זעהר א פרומע קריסטין. זייא האבען דאס מעדכען ניט וויא א דיענסט בעהאנדעלט, זאנדערן וויא א שוועסטער. דארום האט זיא זייא זעהר ליעב געהאט.

— דאס דיענסט־מעדכען האט בעמערקט, דאס אללע פרייטאג אבענדס, פערשליעסט זיך איהרע ווירטהין אין א בעזונדער צימער, זיא זיטצט דארט בייא א שטונדע און קומט נאכהער ארויס מיט פערוויינטע אויגען.

— דאס מעדכען האט זעהר געוואלט וויסען וואס דאס בעדייט, אבער זיא האט ניט געוואגט צו פרעגען.

— זיא האט זיך דארום בעשלאסען אליין אויסצוגעפינען וואס דאס בעדייט.

— איינמאל, פרייטאג, בעפאר דיא ווירטהין איז אין איהר צימער, וויא געוועהנליך אריינגעקומען, האט זיך דאס דיענסט־מעדכען בעהאלטען אין דעם קליידער־שראנק, וואס איז אין יענעם צימער געשטאנען און האט בעלוישט פון דארטען איהר ווירטהין.

— זיא האט געזעהען וויא איהר יונגע ווירטהין שטעלט אויפ'ן טיש איינינע לייכטער, שטעקט אין זייא אריין ליכט, זאגט א געבעט מיט צוגעמאכטע אויגען און צינדט אן דיא ליכט.

— נאכהער נעהמט זיא פון דער טאש ארויס א בוך, זאגט פון איהם זאלכע ווארטען, וואס זיא האט ניט פערשטאנען, נאכהער מאכט זיא דאס בוך צו, פערלעשט דיא ליכט, בעהאלט דיא לייכטער און געהט ארויס.

— זיא האט אנפאנגס ניט פערשטאנען וואס דאס אלעס בעדייט.

— נאכהער האט זיא זיך דערמאהנט, דאס זיא האט געהערט ערצעהלען, אז דיא געהיימע יודישע פרויען בענשען אלע פרייטאג־צו־נאכט ליכט, צו עהרען פון זייער שבת.

— זיא האט פערשטאנען, אז איהרע הערשאפטען זיינען געהיימע יודען.

— דאס האט זיא אין פערצווייפלונג געבראכט.

— זיא, א פרומע קריסטין, זאל דיענען בייא קעטצער, בייא געהיימע יודען?

— דער געדאנק האט זיא ערציטערט.

— שלעכטס טאהן דיעזע לייטע, וועלכע האבען זיא וויא א שוועסטער

בעהאנדעלט, האט זיא ניט געוואָלט. אָבער זיא האט זיך בעשלאָססען פון דעם הויז און פון דיא מענשען צו אנטלויפען.

— איהר וואר אָבער זעהר שווער זיך צו שיידען פון דעם קליינעם קינד, וועלכען זיא האט געליעבט, וויא עס זאָל זיין איהר אייגענט.

— אויך דער געדאנק, אז דאס ליעבע קינד וועט זיך ערציהען בייא קעטצער און וועט שפעטער אליין אויך זיין א יוד. דער געדאנק האט זיא זעהר בעאונ־רוהיגט.

— זיא האט נאך א לאנגעס נאכדענקען זיך בעשלאָססען, צוזאמען מיט דעם קינד צו אנטלויפען, דאס אונשולדיגע נפש'ל ערציהען אין דער קריסטליכער רע־ליגיאָן. פון איהם זאָל ווערען א פרומער גאָטספֿרירכטיגער קריסט.

— און זיא האט אזוי געטאָהן.

— צוזאמען מיט דעם צוויא־יעהריגען קינד, איז זיא אין א פינסטערער נאכט אנטלאָפען געוואָרען נאך דער שטאָדט בארצעלאנא, וואו איהרע א שוועסטער האט געוואָהנט.

— זיא האט ערצעהלט דער שוועסטער, דאס זיא האט דאס קינד געפונען אין וואלד, און בייא זייא ביידען איז געבליעבען, מען זאָל פאַר דעם קינד זאָרגען, ביז ער וועט גרויס ווערען און וועט זיך אליין קענען ערנעהרען.

— און אזוי האבען זייא געטאָהן.

— דיא שוועסטער האט געהאט א מאן א פריסטער און דורך זיין איינפלוס, האט דאס קינד צו זיין אכטען יאָהר ארייננעטראָטען אין א סעמינאריום.

— דאס גליק האט דעם קינד בעגלייטעט, און פון איהם איז געוואָרען א גרויסער בעריהמטער מאן.

— דאס, ליעבער דאנעל, איז מיין געשיכטע.

— דיא געשיכטע איז זעהר שעהן — האט דאנעל געענטפערט — אָבער איך פערשטעה נאך אלץ ניט, ווארום דוא האסט זיא מיר ערצעהלט.

— איך וועל אויך דאס דיר ערקלערען. יענע פאאר, בייא וועלכע יענע דיענסט האט געדיענט, זיינען מיזא דע פעררייארא און זיינע פרוי.

— ווירקליך ? — האט דאנעל ערשטוינט אויסגערופען — און וואו איז יעצט זייער קינד?

— דאָ אין מאדריד. אָבער ווארום פרעגסט דוא ניט, ווער דיא דיענסט איז.

— דוא ווייסט איהר נאמען?

— יא, אויך דוא קענסט זיא זעהר גוט.

— איך קען זיא? ווער איז זיא?

— דאס בין איך! — האט מאריא מיט פייער אויסגערופען.

— דוא? דוא האסט אמאל בייא מיזא'ן געדיענט? ווער־זשע איז זייער זאהן?

— דער ביזט דוא! — האט מיט דעם זעלבען טאָן מאריא געענטפערט.

— איך? איך בין מיזא'ס זאהן? — האט דאנעל ציטערענד ביים גאנצען לייב געפרעגט.

— יא, דוא ביזט זיין זאהן, ער איז דיין פאטער, זאָ וואהר וויא גאָט לעבט. דאס איך זאָג דיר דיא ריינע וואהרהייט. דאס איז דיא אורזאכע, וואס איך בין אין דער לעצטער צייט זאָ ניעדערגעשלאָגען געוואָרען. דער געדאנק, אז דער זאהן וועט זיין אייגענעם פאטער צום טויט פעראורטהיילען, האט מיך ניט געלאָזט רוהען און איך האב מיך ענדליך בעשלאָסען דיר אלעס צו ערצעהלען. זייא ניט קיין פאטער־מערדער, דאנעל! רעטע איהם, אויך דיינע שוועסטער, אויב אין דיר ברענט איין פונק מענשליכקייט.

דאנעל איז געבליעבען זיטצען וויא פון טויזענד דאָנערן געטראָפען.

ענדליך איז ער אויפגעשפרונגען פון זיין אָרט און האט א געשרייא געטאָהן: „וואו איז יאָזע, וואו איז ער?"

— ער שלאָפט — האט מאריא געענטפערט.

— שנעל וועק איהם אויף.

מאריא איז ארויסגעלאָפען, עס האט לאנג ניט געדויערט, איז יאָזע אריינגעקומען א פערשלאָפענער.

— יאָזע! — האט דאנעל געזאגט — שנעל, נאָ דיר א קוויטעלע צום געפעננגיס פערוואלטער. ער וועט אין דיינע הענד איבערגעבען דעם אלטען מיזא. ברענג איהם אהער. דוא הערסט? אהער זאָלסט דוא איהם ברענגען. ווייסט דוא וואו זיינע טאָכטער זיטצט?

— איך ווייס ניט.

— איך האב ערפאהרען, דאס זיא זיטצט אין דעם מאָנאסטיר סט. ווינצענטא. נאָ דיר א צעטעל צו דער אבטעסין און זיא וועט דיר דאס מערכען זאָפאָרט ארויס געבען.

יאָזע האט זיינע אויערן ניט געגלויבט. ער האט אָנגעקוקט דעם פאטער מיט ערשטוינטע בליקען.

— ווארום שטעהסט דוא? ווארום געהסט דוא ניט רעטען דיזע אונגליקליכע? — האט דאנעל געשריען — שנעלער, פליה, רעטע זייא, דען יעדע מינוט איז צו לאנג.

— פאטער, איך דאנקע דיר! — האט יאָזע אויסגערופען, פאלענד דעם פאטער אום דעם האלז.

יט.

דיא יאגד נאך באנדיטען.

דיא אלע שוידערהאפטע פארשטעללונגען, וואס מען האט פון עוויג אָן געמאכט פון דעם גיהנם. דיא אלע שרעקענס־סצענען וואס דיא פאנטאזיע פון פאנאטיקער האט אָבגעמאָלט פון דער העלע. דאס אלעס איז גאר נישט אין פערגלייך מיט דיא שוידערהאפטע שרעקליכע סצענען, וואס עס האבען זיך אָבגעשפיעלט אין דיא געפענגניסע פון דיא אינקוויזיטאָרען אין שפאניען.

פיעלע ביכער זיינען געשריעבען געוואָרען, אין וועלכע יענע אונערהערטע ווילדע סצענען זיינען פארגעשטעלט געוואָרען, אָבער נאך טויזענדער אזעלכע ביכער וועלען קיין טויזענד־טהייל קענען איבערגעבען פון יענע שרעקענס־סצענען.

טויזענדער מאשינען זיינען ערפינדען געוואָרען אין יענע צייטען פאר דיא קעטצער, זייא צו פערשאפען אונערטרעגליכע שמערצען. מאשינען וואס האבען פון זייא געברענט און געריסען שטיקער פלייש, גאנצע אָדערן. מאשינען וואס האבען איינגעשרומפפט אלע זייערע גליעדער, אָדער האבען דיא גליעדער אויסגעצויגען ביז זייא זיינען צעררסען געוואָרען. מען פלעגט דיא אונגליקליכע געבען עסען געזאלצענע זאכען, אום זייא זאָלען וועלען טרינקען, און ווען זייא האבען געשמאכטעט פאר אביסעלע וואסער, האט מען זייא פון וויטען געוויזען פריש קאלט וואסער, אום זייער דורשט זאָל נאך שטארקער ווערען. דיא דורשטיגע פלעגען לעקען איינע פון דיא אנדערע דעם שוויים. זייא פלעגען זיך אקיין דאס פלייש צוקראצען, אום בלוט זאָל געהען, זייא זאָלען קענען מיט זייער אייגען בלוט זייער דארשט לעשען.

אָבער ווער קען זיך אונטערנעהמען צו בעשרייבען אלעס וואס דיא הייליגע

גייסטליכע האבען ערפינדען, אום אונשולדיגע מענשען צו קוועלען אין גאטטעס נאמען.

עס איז ווירקליך צום פערריקט ווערען, ווען מען בערעכענט זיך, דאס זאלכע אונמענשליכע, טייפלישע מערדערייען האבען בעגאנגען לייטע, וואס זיינען בעטראכט געוואָרען אלס היילינגע, אלס שעהנסטע, העכסטע קלאסע מענשען.

מיר ווילען פערשאָנען דיא לעזער, בעזאָנדערס דיא לעזערינען, מיר ווילען זייא ניט פיהרען נאך יאָזען אין דעם געפענגניס, וואו דער אַלטער מיזא דע פערריירא איז געזעסען.

דיא סצענען וואס יאָזע האט געזעהן אין דעם געפענגניס נאך האלבע נאכט, קענען דעם שטארקסטען מענשען נערוועז מאכען.

גענוג וועט זיין, ווען מיר וועלען ערצעהלען, דאס ער האט צוגעהענדיג צו דער טהיר פון גפענגניס, ערהערט דאס יאָמערען און קלאָגען. דאס זיפצען און קרעכצען פון הונדערטער מענשען, און אריינקומענדיג אין דעם געפענגניס, האט ער גע־טראָפען נאקעטע מענשען ליגענדיג איינגעפרעסט אין פאָלטער מאשינען און נעבען זייא זיינען געשטאנען פערמאסקירטע גלחים מיט ברענענדע אייזענס אין דיא הענד. מיט דיא אייזענס האבען זייא געברענט דאס פלייש פון דיא לעבענדיגע מארטירער און האבען דאבייא געזונגען קירכען־הימנען.

יאָזע האט געפונען מיזא'ן אויך איינגעפרעסט אין אזא מאשין. דער אלטער האט ניט געקרעכצט, ניט געזיפצט, איינפאך דערפאר וואס ער האט שוין קיין כח געהאט א וואָרט ארויס צו לאָזען.

פאר דעם שיין פון פיעלע ברענענדע קערצען (וועכסענע ליכט), זיינען דיא אַלע ווילדע סצענען אָבגעשפיעלט געוואָרען.

אלס יאָזע איז צוגעגאנגען צו מיזא'ן, האט דער אלטער אויף איהם א קוק געטאָהן מיט אַזעלכע בליקען, וואס האבען דעם יונגען מאנס ברוסט דורכגע־לעכערט.

אויף יאָזעס בעפעהל, האט מען באלד מיזא'ן ארויסגענומען פון דער מאשינע, אין וועלכע ער וואר איינגעפרעסט און מען האט איהם אין זיין עקיפאַזש, וואס האט געווארט פאר דער טהיר פון געפענגניס, אריינגעטראָגען.

ער האט געהייסען דעם קוטשער, ער זאָל לויפען נאך א דאָקטאָר און ער אליין האט אָנגעטריעבען דיא פערד ביז ער איז געקומען אהיים.

דאָרט האט מען דעם אַלטען מיזא'ן אריינגעטראָגען אין א פרעכטיג ציטער און אין א ווייכע בעט אריינגעלייגט.

ער איז געווען אזוי צובייזט און צו וואונדעט, דאס מען האט אין זיין קערפער קיין שטיקעל ריין לייב געזעהן.

ער האט דיא גאנצע צייט קיין קרעכטץ און קיין זיפטץ ארויס געלאזט, אין ווען ניט דיא לעבענדיגע אויגען, ווען ניט זיינע דורכדרינגענדע בליקען, האט מען געקענט מיינען, אז ער איז טויט.

